גרויסער ראמאן-איבעראשונג פאר די לעזער פון „לאדזער טאגעבלאט“ (זעה 3. זייט)

היינטיגער נומער האלט 8 זייטען.

№ 180 Odłata pocztowa uiszczona ryczałtem פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

לאדזער טאגעבלאט

22-טער יאהרגאנג. | 4 sierpnia 1929 r. | זונטאג, כ"ז תמוז תרפ"ט. | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען פון: רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראציע 47.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אונזער ליבער און נישט פערגעסענער מאן, פאטער און ברודער

נ"ע יעזשי וואלפאוויטש

דירעקטאר פון דער לאדזער אפטיילונג קראקאווער פערזיכערונגס-געזעלשאפט.

איז עלטער פון 63 יאהר

די לויה קומט פאר מאנטאג ד. 5 ד. ח. 3 א זייגער נאכמ. פון טרויער הויז קילינסקי 60, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

פרוי, זוהן און פאמיליע.

העלענאוו | לאדזער יודישער ספארט- און טורן-פעראיין „בר-כוכבא“ | העלענאוו

היינט, זונטאג, דעם 4 אויגוסט ד. י. 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר

פערבונדען מיט

א גרויסע גארטען-פערוויילונג, אטורן און ספארט-פעסט

מיט א אינהאלטסרייכען פראגראם: גימנאסטישע איבונגען, — באקס-קאמפען, — נעוויכט הייבען, — פראנצויזישע רינג-קאמפען, — פאנטאן-לאטעריע, — בלומען-שלאכט, — פייערווערק, — 2 ארקעסטערס.

די שווער-אטלעטישע קאמפען קומען פאר אונטער דער אויפזיכט פון וועלט-בארימטען יודישען גבור זעליג פאשאט, מיטגליד פון פראנקפורטער „מכבי“. איינגאנג פאר דערוואקסענע 1,50 זל. פאר שילער 50 גראשען.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז פריטאג ד. 2 ד. מ. נפטר געווארען מיין אונפער-געסליכער מאן, אונזער הייסגעליבטער פאטער, שוויגערפאטער און גרויספאטער

שלמה משה אהרון פינקוס ז"ל בן ר'

אין מיטען פון זיינע בעסטע יאהרען אין עלטער פון 55 יאהר.

די לויה וועט פארקומען פון טרויער הויז טראוגוטטא 16, זונטאג ד. 4 ד.ח. 2 נאכמ.

די אין טיפען טרויער
הינטערבליבענע פאמיליע.

Dr. med. G. Friedstein

צוריקגעקומען

אינערליכע קראנקהייטען (מאגען, גערדערם און קראנקהייטען). שענקעוויטשא 37, טעל. 17-95. נעמט אן פון 6 ביז 8 נאכמיטאג.

דאנקזאגונג.

היינט האט די לאדזער אפטיילונג (6-טער שרפיען 4) פון דער פערזיכערונגס-געזעלשאפט

„EUROPA“

אקצ. געז. אין ווארשא מיר אויסגעצאהלט א סומע פון

4.500 דאלאר

(פיר טויזענד פינפהונדערט דאלאר)

אלס טויט-פאל-פערזיכערונג פון די פאליסען 10329 און 11139 לויט וועלכע מיין זעליגער מאן אבא ראטגערבערג ע"ה איז זייט א יאהר געווען פערזיכערט אין דער אויבענדערמאנטער געזעלשאפט. — די פערזיכערונגס-סומע איז מיר תיכף אויסגעצאהלט געווארען נאכ'ן ערלע-דיגען די נעהעריגע פארמאליטעטען. איך דריק דערמיט אויס אין מיין נאמען און אין נאמען פון מיינע קינדער דער געז. „אייראפא“ דעם פערדינטען און הארציגסטען דאנק.

B. R. ROTGERBERG
Łódź, Piotrkowska 62.

Łódź, d. 30 lipca 1929.

אכטונג פאבריקאנטען!

בירשטען—(SZCZOTKI)

צו עלעקטרישע מאטארען און דינאמעס

ארבייט אויס פון די בעסטע סארטען גראפיט און בראנז אין אלע מוסטערן.

עלעקטראטעכנישער ווערקשטאט

ישר. מיללער דיפל. עלעקטרא-טעכניק

ציגעל-גאס 9 פראנט

רעעלע און פינקטליכע בעהאנדלונג. — ביטע זיך איבערצייגען.

Dr.
GARLIŃSKI
Powrócił

פראטעסטעס

און קלויזולעס אויף דער פראווינץ

און אין אלע שטעט פון גאנץ פוילען ווערט פינקטליך און רעעל ערלעדיגט. די בעסטע רעפערענצען. אפער-טען אנצוגעבען אין אדמינ. פון „לאדזער טאגעבלאט“ אונטער „ענערגיש“.

שטאטיש טעאטער לאדז, צעגיעלניאנא 63 | גאסטראלען פון דער ווילנער טרופע יאהר XIV אנפ. מ. מזאה. | שטאטיש טעאטער לאדז, צעגיעלניאנא 63

היינט, זונטאג, דעם 4-טען אויגוסט 8.30 אזייגער אווענד.

„קדוש השם“

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער פון 11 ביז 2 און פון 6 אווענד.

א קרעפטיג יונגעל

פון אנשטענדיגע עלטערן מיט פאלקס-שול-בילדונג ווערט פון זאפארט געזוכט.
צו ערפאהרען אין אדמיניסטראציע פון „לאדזער טאגעבלאט“.

פעלדשער ראזענצווייג

צוריקגעקומען

ג. פעלדשער פון פאזנאנסקי'ס שפיטאל
וואסכאדניא 29 טעל. 79-48

עפענטליכע ווענדונג!

עס ווערט געבעטען די פערזאן, וואס איז פאר איי-ניגע טעג געווען ביים ה' וועקסעלמאן צעגעלניאנא 38, און ערקלערט, אז ער האט געזעהן ווי מען האט ארויס געטראגען סחורה, ווי אויך מערטיגע קאנפעקציע פון אלעשניצקא, וואסכאדניא 6, אין צווישען צייט פון אופאדלאשטש ביז צום פערזיגלען די סחורה, און אפשר האט נאך דמיצער דאס בייגעהאוינט זאלען זיך גיטיגסט מעלדען אין נאמען פון יושר ביי די זעלבער פירמע צעגעלניאנא 38. אין נאמען פון דער בעלויבינער וועקסעלמאן, צעגעלניאנא 38.

אכטונג,

באלוטער איינוואוינער!

דאס „לאדזער טאגעבלאט“ בעקומט מען טעגליך פון 7 א זייגער פריה ביז 11 ביינאכט נאר ביים צייטונגס-פערשפרייטער

ליבוש דזשאלאווסקי

46 זגערזשער 46.

---

3 אדער 4 צימערן

און א קוך מיט אלע בעקוועמליכקייטען ווערט פון זאפארט געזוכט.
אפערטען אפצוגעבען גדאנסקא 67 וואוינונג 6

אנאנסען אין „לאדזער טאגעבלאט“ האבען דעם גרעסטען ערפאלג

Dr. Trachtenherc

ul. Narutowicza 11 — tel. 33-16.

איז צוריקגעקעהרט.

קאלאנעל קיש און דוד יעלין אפגעפלויגען קיין לאנדאן

צוליב די געשעהענישען בײם כותל-מערבי

ארץ-ישראל-רעגירונג וויל נישט צוריקציהען די ערלויבניש, וואס זי האט געגעבען די אראבער; — ציוג. עקזעקוטיווע אין א״י, „ועד הלאומי" און „הרבנות הראשית" פאדערן אויף דאס א״י-יודענטום נישט אונטערצונעמען קיין שריט אין שייכות מיט די בוי-ארבייטען ארום כותל.

לופט-שטאפעטע קיין לאנדאן

צוריך, 3 אויג. (יטא) קאלאנעל קיש און דוד יעלין זענען אפגעפלויגען מיט אן אעראפלאן קיין לאנדאן, כדי איבערצוגעבען אין קאלאניאל-אמט וועגן דער גרויסער אויפרעגונג, וואס עס האט ארויסגערופען אין ארץ ישראל און צווישען יודענטום פון דער גאנצער וועלט, דאס ערלויבען די אראבער בויען זייער הקדש נעבען כותל מערבי.

—0—

ס'וועט זיין א קאאליציע-עקזעקוטיווע

צוריך, 3 אויג. (יטא) די פערהאנדלונגען וועגען שאפען די נײע עקזעקוטיווע האבען א גינסטיגען פערלויף. אלע פראקציעס האלטען אז בעראטונגען, ווע מען זאל זאלען שוקען פון זייער צד אין דער עקזעקוטיווע. עס איז כמעט ווי זיכער, אז עס וועט געשאפען ווערען א קאאליציע-עקזעקוטיווע.

בלוטיגע אנטי-יודישע עקסצעסען איז סלאבאדקע.

קאוונע (יט״א) געמעלדען פונאנ... האט א באנדע בעוואפענטע כוליגאנעס בעפאלען די יודען אין סלאבאדקע. 50 יודען זענען מערדערליך צושלאגען געווארען. די פאליציי האט נישט אונטערנומען.

קאנפערענץ פון העברעאישע לעהרער אין א״י

ירושלים. (יטא) די יעהרליכע קאנפערענץ פון די העברעאישע לעהרער אין ארץ-ישראל איז צונויפגערופען געווארען אויף דעם 18. אויגוסט קיין ירושלים. אויף דער קאנפערענץ וועלען בעהאנדעלט ווערען א רייהע ארגאניזאציאנעלע און פינאנציעלע פראגען, וואס זיינען נוגע די העברעאישע לעהרער.

דער גרויסער יודישער פילאנטראפ און מיליאנער בערנארד באראן געשטארבען.

לאנדאן, (יט״א) היינט פריה איז דא נאך קורצער קראנקהייט געשטארבען אין עלטער פון 78 יאהר דער בערוהמטער יודישער פילאנטראפ און טאבאק-אינדוסטריעלער בערנארד באראן.

* * *

די צואה פון בערנארד באראן מארגען קומט פאר די לויה

לאנדאן, 3 אויג. (יטא) היינט איז געעפענט געווארען די צואה פון פערשטארבענעם בערנארד באראן. און דער צואה האט דער פערשטארבענער איבערגעלאזט 1 מיליאן פונט פאר פילאנטראפישע צוועקען. אלס קוראטאר פאר אויספיהרען די צואה איז בעשטימט געווארען לארד רידינג. פון דער סומע זענען 4 פינפטעל בעשטימט פאר קריסטליכע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס און 1 פינפטעל פאר יודישע. הערפון 10 טויזענד פונט פאר דער יודישער סינאגאגע פון די ליבעראלע יודען און 30 טויזענד פונט פאר יתומים-פערזארגונג. די פערבערגענונג פון בר-מנן וועט פארקומען מארגען. די אש וועט מען קובר זיין אויפ'ן בית-עלמין פון די ליבעראלע יודען.

אויפגעלעזט דעם אל-פוילישען פערבאנד פון די קראנקען-קאסעס

ווארשא (פעל.) לויט א פעראָרדנונג פון ארבייטס-מיניסטער פריסטאר איז אויפגעלעזט געווארען די פערוואלטונג פון פערבאנד פון אלפוילישען פערבאנד פון די קראנקען-קאסעס און עס איז ארײנגעזעצט געווארען א קאמיסאר ד״ר וויטאלד לאדזקא, אלס ווינצע-קאמיסאר איז בעשטימט געווארען ד״ר רוטקאווסקי. דער ביז איצטיגער קאמיסאר פון פויזנער קרייז-פערבאנד פון די קראנקען-קאסעס. די אויפגעלעזטע פערוואלטונג האט בדעה אנצוקלאגען די רעגירונג פון הויפט-פערוואלטונגס-אמט און העכסטען אדמיניסטראטיווען טריבונאל. היות ווי ד״ר לאדזקא פאהרט איצט אויף אורלויב וועט איהם פערטרעטען ד״ר רוטקאווסקי.

די אקציע פון רבנות הראשית
געגען די בוי-ארבייטען בײם כותל מערבי

ירושלים, 3 אויג. (יטא) דער שטעלפערטרעטער פון נציב העליון, לוק, האט אויפגענומען די פארשטעהער פון הרבנות הראשית, הרב קוק און הרב יעקב מאיר, און מיט זיי אפגעהאלטען א קאנפערענץ, וואס האט געדויערט 2 שעה צייט. די קאנפערענץ איז געווען געווידמעט דער פראגע וועגען כותל מערבי. לוק האט ערקלערט, אז די רעגירונג קען שוין יעצט נישט ענדערן איהר בעשלוס, צו ערלויבען די אראבער די בוי-ארבייטען ארום כותל, וועלכער איז ארויסגעגעבען געווארען אויפ'ן יסוד פון אורטייל פון יורידישע זאכקענער, קרוין-ריכטער.

דער איינציגער וועג איז נאך — האט לוק ערקלערט, — צו אונטערזוכען אין קאלאניאל-מיניסטעריום. דער שטעלפערטרעטער פון נציב העליון האט אבער צוגעזאגט, אז עס וועלען אנגענומען ווערען אלע מיטלען, אז די מתפללים בײם כותל זאלען מעהר נישט געשטערט ווערען אין זייערע תפלות.

* * *

ירושלים, 3 אויג. (יטא) די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, דער „ועד הלאומי" און די הרבנות הראשית האבען ארויסגעלאזען א געמיינזאמען קאמוניקאט, אין וועלכען דאס יודענטום ווערט אויפגעפאדערט נישט אונטערצונעמען קיין שום שריט אין שייכות מיט די נײע שעהעניש בײם כותל. אין קאמוניקאט ווערט בעטאנט, היות די אונטערוועגנס בײ דער א״י-רעגירונג האט נישט געבראכט קיין שום רעזולטאט, דעריבער האט די הרבנות הראשית זיך געווענדעט צום ציוניסטישען קאנגרעס און צו אלע גרויסע יודישע ארגאניזאציעס אין אויסלאנד, אז זיי זאלען פראטעסטירען געגען דער עולה, וואס ווערט געטאן יודען בעגאנגען בײם כותל מערבי. אין קאמוניקאט ווערט ווייטער געזאגט, אז עס וועט געטון ווערען אלץ, וואס איז מעגליך, אפצוטון די חרפה.

געשאפען א פערבאנד פון באנאנען-פלאנטאטארען

ירושלים (יט״א) לויט דער איניציאטיוו פון לאנדווירטשאפטליכען אינספעקטאר איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון אלע באנאנען-פלאנטאטארען אין ארץ ישראל, אין וועלכער עס איז בעשלאסען געווארען צו גרינדען א פערבאנד.

דער פערבאנד וועט האבען דעם צוועק צו ענטוויקלען די באנאנען-פלאנטאציעס אין לאנד.

מאקדאנאלד פאדערט צו פערוועהרען דעם גאז-קאמף

צאהל מיליט. אעראפלאנען, שווערע הארמאטען און טענקס מוזען פערקלענערט ווערען

6 גלחים און פויערים פער'משפט צום טויט פאר אנטיסעמ. מעשים אין רוסלאנד

מאקדאנאלד פאדערט עס זאל פערבאטען ווערען דער גאז-קאמף

ניו-יארק (ספ.) אין די אמעריקאנער צייטונגען איז פערעפענטליכט אן ארטיקעל פון מאקדאנאלד'ן וועגען „דער עטמאספערונגס-פראגע". אין זיין ארטיקעל ווייזט פרעמיער מאקדאנאלד אן, אז עס מוזען רעדוצירט ווערען די צאהל שווערע הארמאטען, טאנקס, מיליטערישע אעראפלאנען א. א. וו. דער גאז-קאמף און דער קאמף פון באקטעריאלאגישע מיטלען דארף אינגאנצען פערבאטען ווערען. עס דארפען בכלל בעגרעניצט ווערען די מיליטערישע אויסגאבען און דאס קרינגס מאטעריאל דארף זיך געפינען אונטער א קאנטראלע.

6 אנטיסעמיטען פערמשפט געווארען צום טויט

מאסקווא (ספ.) דא איז פארגעקומען א פראצעס געגען 16 פערזאָן, וואס זענען אנגעקלאגט געווארען פאר פערשידענע אנטיסעמיטישע טאטען. צווישען זיי עטליכע גלחים און די איבריגע פויערים. 6 אנגעקלאגטע זענען פערמשפט געווארען צום טויט, 4 האבען בעקומען תפיסה ביז 8 יאהר. די איבריגע זענען בעפרייט געווארען.

כינעזישע זעלנער בערויבען פויערים געבען פאגראניטשנאיא

מאסקווא (ספ.) אין די דערפער געבען פאגראניטשנאיא האבען כינעזישע זעלנער צוגערויבט ביי די פויערים פערד און אנדערע זאכען.

ווילדער אקט פון פאנאטישע אנטיסעמיטזם איז דרום-אפריקא

א באנדע יונגע אנטיסעמיטען פרובען פערברענען א יודיש יונגעל.

קאפשטאט. (יטא) דא האט זיך אפגעשפילט אן אקט פון ווילדען אנטיסעמיטיזם, וואס האט נאר א דאנק א גליקליכען צופאל זיך נישט פערענדיגט מיט'ן טויט פון א יודישען יונגעל.

א באנדע יונגלעך אין עלטער פון 12 ביז 14 יאהר, אונטערגעהעצט דורך ווילדען אנטיסעמיטישען פאנאטיזם, האט געפרובט צו פערברענען א 11-יעהריג יודיש יונגעל אויף א שײטער-הויפען אויף איינער פון די גאסען פון קאפשטאט.

די יונגע כוליגאנעס האבען געבונדען דעם יודישען יונגעל, וועלכער האט געשטעלט אן'ענערגישען ווידערשטאנד, איהם געווארפען אויף א הויפען ברוקענע צווייגען, בעגאסען זייער קרבן מיט ברען מאטעריאל און אונטערגעצונדען די צווייגען. דער אומגליקליכער יודישער יונגעל וואלט זיכער פערברענט געווארען, ווען דעם ווילדען מאט וואלט נים בעמערקט אן'עלטערע פרוי, וועלכע האט גלייך אלארמירט די פאליציי און די פייערלעשער.

מיט גרויס מיה איז געלונגען ארויסצושלעפען דעם יונגעל פון די פלאמען, ער האט געהאט איינגע בראנד-וואונדען. די ווילדע יונגעדליכע כוליגאנעס זענען ארעסטירט געווארען.

בעת דער אויספארשונג וועגען די מאטיוון פון זייער מערדערי, האבען די כוליגאנעס אנגעגעבען דעם איינציגען מאטיוו, דאס דער פערפאלגטער יונגעל איז א יוד און ער מוז פערברענט ווערען אויף א שייטער-הויפען.

דער דאזיגער פארפאל האט ארויסגערופען א געוואלדיגע אויפרעגונג ביי דער יודישער בעפעלקערונג.

—0—

אנפאל אויף א יודישען שומר אין ארץ-ישראל

ירושלים (יט״א) 5 בעדואינען זענען בײנאכט בעפאלען דעם יודישען שומר ביי דער קאלאניע בנימינה. דער שומר איז ערנסט פערוואונדעט געווארען.

שטאטישער געריכט אין תל-אביב

תל-אביב (יט״א) אלס מיטגלידער פון שטאטישען געריכט אין תל-אביב זענען בעשטימט געווארען ד״ר ראזענבוים, ד״ר ווייזעל, ד״ר עפשטיין-הלוי, פראפ. בעלקאווסקי און אנדערע.

אלס פארזיצער פון געריכט איז בעשטימט דער בירגערמייסטער ה' דיזענגאף, אלס ווינצע-פארזיצער — ה' רוקח.

דער עלטסטער אינקוויזיציע-פאלאץ ווערט פערוואנדעלט אין א האטעל

אויף די ווענד געפינט מען אויפשריפטען, געמאכט מיט'ן בלוט פון די אינקוויזיציע-פערפייניגטע

ליסאבאן, (יט״א) דער פאלאץ אין דער אמאליגער הויפט-שטאט פון פארטוגאליען עוואַרא, וואו עס איז געווען דער זיצארט פון ערשטען אינקוויזיציאנס-טריבונאל אין פארטוגאל, ווערט איצט פערוואנדעלט אין א האטעל.

די „הייליגע אינקוויזיציע" איז, ווי בעקאנט, פראקלאמירט געווארען אין יאהר 1536, בעת דער הערשאפט פון קעניג יאהאן דעם 3-טען, דעם פאנאטיקער. אלע איבריגע אינקוויזיציאנס-פאלאצען אין פארטוגאל זענען שוין לאנג פערניכטעט, דער פאלאץ אין עוואַרא איז דער לעצטער, וואס איז געבליבען ביז-איצט. אין יאהר 1821, האט די קאנסטיטוציאנעלע פערזאמלונג אפגעשאפט די אינקוויזיציעס, רעהאבילירט די געפייניגטע פון דער אינקוויזיציע און געמאכט אן'אומא-דא-פע פון די אלע שרעקליכע אינקוויזיציאנס-מכשירים.

צום גליק איז געלונגען אפצוראטעווען דעם ארכיוו פון די אינקוויזיציאנס-טריבונאלען, וואס ענטהאלט אקטען פון איבער 40,000 פראצעסען און געפינט זיך איצט אין ליסאבאן. דער פאלאץ אין עוואַרא האט געהערט צו אן'אלטער פארטוגאלישער משפחה. נאכדעם ווי עס איז געשטארבען דער לעצטער מיטגליד פון דער משפחה און דער פאלאץ איז פערקויפט געווארען דורך א גרופע פינאנסיסטען, וועלכע ארדנען דארט איין א גרויסען האטעל פאר טוריסטען א. ב. האטעל אלעטעושאנא.

דער פארשטעהער פון דער יט״א האט בעזוכט דעם דאזיגען אלטען בנין, די תפיסה-צימערלעך, קעלער-שטובען און זאלען, וואו מען האט געפייניגט די, וועלכע זענען ארעסטירט און די העגר פון דער אינקוויזיציע.

א שווערער רוח ארום די אויפשריפטען, געמאכט מיט בלוט, וואס געפינען זיך אויף די ווענד פון די קעלער-שטובען און דער תפיסה. מיט גרויסע שוועריגקייטען געלונגט נאך איצט צו דעשיפרירען די לעצטע ווערטער פון די אומגליקליכע און געפייניגטע קדושים. דאס זענען מעהרסטענס תפילות און פראטעסטען — וועה-געשרייען געגען די פערפאלגער.

אמעריקאנער אבסערוואטער אויף דער האגער קאנפערענץ

ניו-יארק (ספ.) אלס אמעריקאנישער אבסערוואטאר אויף דער האגער קאנפערענץ איז בעשטימט געווארען ערמונד מולמאן, דער ערשטער סעקרעטאר פון דער אמעריקאנער באטשאפט אין פאריז.

כינעזישע זעלנער אריבער צו די סאוויעטען

מאסקווא (ספ.) א גרופע כינעזישע זעלנער זענען אריבער דעם סאוויעטישען מיליטער, ערקלערענדיג, אז זיי ווילען נישט פיהרען קיין מלחמה געגען די סאוויעטען.

צו דער „אגענץ"-זיצונג

ניו-יארק, 3 אויג. (יטא) לואי מארשאל, פעליקס ווארבורג און שפיליאקאוו זענען ארויסגעפאהרען קיין ציריך צו בעטייליגען זיך אין דער ראט-זיצונג פון דער „אגענץ", וואס קומט פאר דעם 11. אויגוסט.

דער ערשטער אויגוסט אין ליטע.
ארעסטירט 175 יודישע יונגעלייט.

קאוונע, (יט״א) אין צוזאמענהאנג מיט די ארבייטער ארויסטרעטונגען דעם 1-טען אויגוסט זענען אין קאוונע און אין דער פראווינץ ארעסטירט געווארען 175 יודישע יונגעלייט. צווישען די ארעסטירטע געפינען זיך פיל מיטגלידער פון ציוניסטישען ספארט-פערבאנד „הפח", וועלכע מען האט פערהאלטען אלס כלומרשטע קאמוניסטען.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן הערשענדען שארפען רעזשים לגבי פאליטישע ארעסטירטע, האט מען מורא, דאס די פערהאלטענע וועלען בעקומען הארבע שטראפען.

מארשאל פילסודסקי נעמט נישט אנטייל אין לעגיאנען-צוזאמענפאהר

ווארשא (פעל.) ווי מען מיילט מיט פון מאסגעבענדע קרייזען זאל מארשאל פילסודסקי היי-יאהר זיך נישט בעטייליגען אין לעגיאנען-צוזאמענפאהר אין ניי-סאנטש. דעם מארשאל פילסודסקי זאל רעפרעזענטירען דער ארמעע-אינספעקטאר גענ. רידז-שמיגלי, וואס האלטען א רעדע אנשטאט דעם מארשאל פילסודסקי.

שטרענגע פעראָרדנונג בנוגע וואוינרעכט פאר אויסלענדער אין בעלגיען

ברוסעל, (יט״א) די בעלגישע בעאמטע מאכען איצט גרויסע שוועריגקייטען פאר אויסלענדער בײם בעקומען וואוינונגס-וויזע. אויסער די אימיגראנטען, וועלכע קומען אויף א דויער-וויזע פון בעלגישע קאנסולען אין אויסלאנד, ווערט יעדען אימיגראנט די וויזע-פערלענגערט נאר אויף איין חודש, און דער אימיגראנט, וואס וויל לענגער פערבלייבען, מוז יעדען חודש בעצאהלען פאר א נייע וויזע.

די דאזיגע פעראָרדנונג האט ארויסגערופען א גרויסע בעאונרוהיגונג ביי די יודישע אימיגראנטען, וועלכע קומען לרוב אויף קורץ-טערמינגע וויזעס און א גרויסע צאהל פון זיי געפינט זיך צוליב דעם אין א קריטישער לאגע. פון דער אנדערער זייט, קומען בסדר אן ארבייטער-טראנספארטען פאר די בעלגישע קוילען-גרובען און פאבריקען אויפ'ן יסוד פון ארבייטס-קאנטראקטען, דורך דער פערמיטלונג פון די ארבייטס-מיניסטעריום פון פוילען, טשעכאסלאוואקיען, צווישען וועלכע ס'געפינען זיך נישט קיין יודען. די יודישע ארבייטער, וועלכע ווילען קומען ארבייטען אין בעלגיען דארפען דעריבער זיך פרוהער מעלדען און רעגיסטרירען אין די ארבייטס-מיניסטעריומס פון זייער לאנד.

ד"ר חיים ווייצמאן בלייבט אויף זיין אמט

די פערהאנדלונגען פון ד"ר ווייצמאן וועגען צוזאמענשטעל פון דער קומענדיגער עקזעקוטיווע. — עס וועט געשאפען ווערען א קאאליציע-עקזעקוטיווע. —

אלס צייכען פון טרויער צוליב די געשעהענישען ביים כותל מערבי איז פרייטאג איבערגעריסען געווארען די קאנגרעס-זיצונג

די פערהאנדלונגען וועגען דער נייער עקזעקוטיווע.

צוריך, (יט"א) מיר זענען געוואר, בעמיהט זיך ד"ר ווייצמאן. דאס הארי סאקער זאל פערבלייבען אין דער ירושלים'ער עקזעקוטיווע אויך אין דעם פאל, אויב עס וועט געשאפען ווערען א קאאליציאנס-עקזעקוטיווע.

עס ווערען געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט די פארשטעהער פון רעכטן און לינקן פליגעל וועגען דעם ענין. הויפט-זעכליך בעמיהט זיך ד"ר ווייצמאן צו בעקומען די צושטימונג פון די ארבייטער-גרופירונגען אויף דער קאנדידאטור פון הארי סאקער אלס לייטער פון פאליטישען רעסארט אין ארץ ישראל אויפ'ן ארט פון קאלאנעל קיש, וועלכער וועט וואהרשיינליך איבערנעמען דעם פאליטישען רעפעראט אין דער לאנדאנער עקזעקוטיווע.

דער פארשלאג וועגען א קאאליציאנס-עקזעקוטיווע

צוריך, (יט"א) פרעזידענט ד"ר ווייצמאן האט היינט אפגעהאלטען א ספעציעלע בעראטונג מיט די מיטגלידער פון פרעזידיום פון פערמאנענץ-אויסשוס. די בעראטונג האט געדויערט א לענגערע צייט. נאכדעם איז ד"ר ווייצמאן אנוועזענד געווען אויף א זיצונג פון פלענום פון פערמאנענץ-אויסשוס, געווידמעט ספעציעל די פראגע, וואס זענען שייך דער שאפונג פון דער נייער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. פראף. ווייצמאן האט געגעבען די פערמאנענץ-אויסשוס וויכטיגע ערקלערונגען, בנוגע זיין אייגענער פערזאן האט ד"ר ווייצמאן ערקלערט, דאס ער האלט אין איצטיגען מאמענט פאר זיין חוב צו פערבלייבען אויף זיין פאסטען אויך אויף דער ווייטערער קאדענץ פון דער עקזעקוטיווע.

בנוגע דעם צוזאמענשטעל פון דער נייער עקזעקוטיווע האלט ד"ר ווייצמאן, דאס די עקזעקוטיווע דארף ווערען געבילדעט אין איצטיגען צוזאמענשטעל, צוקאמפלעטירט דורך פארשטעהער פון בוידע פליגלען מיט נאך איינגע צוגאב-מיטגלידער, וועלכע דער קאנגרעס וועט האלטן פאר נויטיג.

אויב דער דאזיגער פארשלאג וועט בעצייכענט ווערען אלס אונאננעמבאר, לייגט פאר ד"ר ווייצמאן דעם פערמאנענץ-אויסשוס צו מאכען אנדערע פארשלאגע, וועלכע ער וועט מיט דער גאנצער אויפמערקזאמקייט בעטראכטען.

די אויפנאמע און דער געשפרעך צווישען ד"ר ווייצמאן און די מיטגלידער פון פערמאנענץ-אויסשוס האבען געטראגען א זעהר פריינדליכען כאראקטער.

צוריך, (יט"א)

עס קומט פאר א פלענאר-זיצונג פון פערמאנענץ-אויסשוס אויף וועלכער עס ווערט בעטראכט די פארשלאגען פון ד"ר ווייצמאן וועגען צוזאמענשטעל פון דער צוקונפטיגער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

פייערליכע פראטעסט-רעדע פון נחום סאקאלאוו געגען דער פערגוואלדיגונג פון די יודישע רעכט ביים כותל-מערבי.

איבערגעריסען די קאנגרעס-זיצונג אלס צייכען פון טרויער

צוריך, (יט"א)

אויף דער היינטיגער פלענאר-זיצונג פון 16-טען ציוניסטישען קאנגרעס האט נחום סאקאלאוו אפגעגעבען א פייערליכע פראטעסט-ערקלערונג אין נאמען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און פון קאנגרעס געגען דער פערשווערונג פון די יודישע היילינגטומער און דער פערגוואלטיגונג פון די יודישע רעכט ביים כותל מערבי.

די שטארקע רעדע פון נחום סאקאלאוו, דורכגעזאפט מיט פיין און טרויער צוליב דער טיף-ענפינדענער בעליידיגונג פון די היילינגסטע יודישע געפיהלען האט אויף אלע אנוועזענדע געמאכט א שטארקען רושם. דער גאנצער קאנגרעס האט אויסגעהערט סאקאלאוו'ס פייערליכע פראטעסט-ערקלערונג שטעהענדיג.

ביי פיל דעלעגאטען האבען זיך בעוויזען טרעהרען אין די אויגען. אלס צייכען פון טרויער איז די זיצונג פון קאנגרעס איבערגעריסען געווארען.

ענין רייך—גרינבוים אפגעלעגט ביז זונטאג

צוריך, (יט"א) דער קאנגרעס-געריכט האט בעשלאסען אפצולעגען דאס בעהאנדלען די אנקלאגע פון דעפ. רייך געגען דעפ. גרינבוים ביז זונטאג דעם 4. אויגוסט.

גוטע אויסזיכטען אויף א קאאליציאנס-עקזעקוטיווע.

די שטעלונג פון די ארבייטער-גרופירונגען און פון „מזרחי".

צוריך, (יט"א)

אין די פערהאנדלונגען ארום דעם בילדונג פון דער נייער ציוניסטישער עקזעקוטיווע מערקט זיך א געוויסע ענטשפאנונג. די ארבייטער גרופירונגען האבען שוין מעט אויפגעגעבען זייער אנפאנגס שארפע אפאזיציע געגען הארי סאקער און זענען שוין באלד גרייט איינצושטימען אויף זיין אנטייל אין דער ארץ-ישראל-עקזעקוטיווע מיט'ן בעדינג דאס ער וועט זיך ווידמען אויסשליסליך דעם פאליטישען רעפעראט און וועט ניט איבערנעמען די אנדערע ארבייטס-געביטען פון דער עקזעקוטיווע.

אויך די מזרחי-פארשטעהער פיהרען פערהאנדלונגען מיט ד"ר ווייצמאן, דערנעהענטערנדיג זיך אין פרינציפ צו זיינע פארשלאגען וועגען דעם צוזאמענשטעל פון דער צוקונפטיגער עקזעקוטיווע.

די מזרחי-פארשטעהער פאדערן פאר זיך איין ארט אין דער עקזעקוטיווע, אין פאל ווען די ארבייטער גרופירונגען וועלען אויך בעקומען 1 פארשטעהער אין דער עקזעקוטיווע.

די אלארמירענדע ווענדונג פון רבנות-הראשית

אין ציוניסטישען קאנגרעס וועגען כותל-מערבי-ענין.

צוריך, (יט"א)

די ציוניסטישע עקזעקוטיווע און דער ציוניסטישער קאנגרעס האבען ערהאלטען אן אלארמירענדע טעלעגראפישע ווענדונג פון רבנות-הראשית אין ארץ ישראל וועגען כותל מערבי-ענין, מיט א פאדערונג אנצוהויבען אן ענערגישע אינטערווענץ געגען דער פערגוואלטיגונג פון די יודישע רעכט.

אין דער ווענדונג ווערט אמשארפסטען פראטעסטירט געגען דער אונערהערטער עולה, וואס ווערט אפגעטאן יודען ביים כותל מערבי, געגען דעם דורות-לאנגען בעטיילינגען פון יודישען פאלק און די יודישע היילינגטומער די שטעלען מוזולמענישע געביידעס ביים כותל-מערבי.

טיף אויפגערעגט איז דאס גאנצע ארץ ישראל יודענטום — ווערט געזאגט אין דער ווענדונג — צוליב דער ערלויבניש, וואס איז לעצטענס ערטיילט געווארען דורך דער ארץ ישראל רעגיערונג, צו מאכען אנ'עפענטליכען דורכגאנג אין אן'ארט וואס איז פערהייליגט דורך די יודען אויף דער גאנצער וועלט און וואו די יודען רופטען אפ די תפלות ביים כותל-מערבי.

די טעלעגראפישע ווענדונג פון רבנות הראשית ענדיגט זיך מיט פאלגענדע ווערטער: „דורכגעזאפט מיט פיין און גרויזאמע שמערצען צוליב דער פערשוועכונג פון אונזערע היילינגטומער, פאדערן מיר א זאפארטיגע ענטשיידונג פון דער צענטראל-מאכט דורך א טעלעגראפישער פעראָרדנונג גלייך אויפצוהערען צו צושטערען דעם בית-המקדש-כותל און אפצושטעלען די בוי-ארבייטען".

צווייטער אינטערנאציאנאל אינפארמירט זיך וועגען די אויפגאבען פון פרא-פאלעסטינא-קאמיטעט

צוריך (יט"א) די עקזעקוטיווע פון 2. אינטערנאציאנאל, וואס האלט איצט דא אפ איהרע בעראטונגען האט זיך געווענדעט צום צ. ק. פון די פועלי-ציון (רעכטע) מיט א בקשה צושטעלען א מעמאראנדום וועגען די אויפגאבען און צוועקען פון די סאציאליסטישע פרא-פאלעסטינא-קאמיטעטען. ווי עס ווערט מיטגעטיילט איז די דאזיגע ווענדונג געמאכט געווארען לויט אנ'איניציאטיווע בקשה פון פרידריך אדלער. דעם גענעראל-סעקרעטער פון 2. אינטערנאציאנאל.

אין די קרייזען פון ציוניסטישען קאנגרעס האט אדלער'ס שריט ארויסגערופען גרויס אינטערעס.

סטעפאן ווייז און די אפשטימונג איבער דער „אגענץ"

צוריך, (יט"א) ראבינער ד"ר סטעפאן וויז. וועלכער איז, ווי בעקאנט, צוגעטרעטען צו דער פראקציע פון די ראדיקאלע ציוניסטען, האט ערקלערט, דאס ער האט זיך בעוואָרענט צו האבען פרייע האנד אין דער פראגע פון דער יודישער אגענץ.

לעאן לעוויטע וועגען די קאנגרעס-פראבלעמען

די טאקטיק בנוגע דער אגענץ

צוריך (יט"א) דער פארשטעהער פון יט"א האט זיך געווענדעט צום ה' לעאן לעוויטע זיך ארויסצוזאגען וועגען די אקטועלע קאנגרעס-פראבלעמען.

ה' לעוויטע האט ערקלערט: דער קאנגרעס, וואס שטעהט איצט פאר דער אגענץ - קאנסטיטואירונג, מוז אין דער ערשטער רייהע פעסטשטעלען און פארמולירען די ווייטערע אויפגאבען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע ביי דער ניי-געשאפענער לאגע און די בעציהונגען צו די נישט-ציוניסטען. מיט איין ווארט: פעסטשטעלען און פארמולירען די קאנסטיטוציע פון דער יודישער אגענץ. אלס וויכטיגע פראגע אין דעם פרט בעטראכט איך דעם פונקט, צי די ציוניסטישע ארגאניזאציע זאל געהן אין דער „אגענץ" מיט א געבונדענעם וואטום, דאס הייסט מיט צוואנגס-אפשטימונג פאר אלע זיינע מיטגלידער, אונאפהענגיג פון דער פראקציע - צוגעהעריגקייט אדער לאזען פרייע הענד.

די צווייטע וויכטיגסטע פראגע איז די בילדונג פון דער נייער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. איך האלט, אז די ביז-איצטיגע ערפאהרונגען בעווייזען, אז א איינהייטליכע עקזעקוטיווע ערמעגליכט א הארמאנישע און פראדוקטיווע ארבייט און אויספיהרען די בעשלוסען פון קאנגרעס. דאס מיינט אבער, נישט, אז דאס איז ווינשענסווערט צוליב א קאמף מיט דער אדער יענע גרופע. נאר כדי אויסצומיידען די רייבונגען און דעם דרוק, וועלכען עס איבען אויס די פערטרעטער פון די פליגלען אין דער עקזעקוטיווע.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם שטעהט די פראגע וועגען נייעם בודזשעט, וועלכער זאל האבען, לויט מיין מיינונג, די זעלבע טענדענצען און סטרוקטור, וואס פון לעצטען באזעלער קאנגרעס, ד. ה. אין ערשטער רייהע סאניר'ען די ציוניסטישע פינאנץ-ווירטשאפט, קאנסאלידירען די געשאפענע קאלאניזאציאנס-פונקטען און אנדערע אונטערנעמונגען אנהויבען צו שאפען פערשידענע פאנדען פאר אלערליי קרעדיטען, וועלכע זענען דער באזיס פון ווייטערע ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פון א"י.

דער צוזאמענשטעל פון קאנגרעס און די לעצטע וואהלען האבען נישט געגעבען קיין ריכטיגע אפשפיגלונג פון די כחות-פערהעלטנישען אין פערשידענע לענדער און עס וואלט געווען א גרויסער טעות צו גלויבען, אז די צאהל פון די אלגעמיינע ציוניסטען איז ווירקליך קלענער, אלס פון די פערשידענע פראקציעס. דערפאר גלויב איך, אז עס איז נויטיג דורכפיהרען געוויסע רעפארמען אין דעם וואהל-סיסטעם, די אפשאפונג פון איינהייטליכען שקל א. אז. וו. די קאנסאלידירונג פון די אלגעמיינע ציוניסטען איז א געבאט פון דער שעה.

שלוס פון דער פרייטאג'דיגער פלענאר-זיצונג

בעשלאסען פערשרייבען ד"ר הערצל'ן צו זיין 25-טען יאהרצייט אין גאלדענעם בוך פון נאציאנאל-פאנד.

צוריך, (יט"א)

נאכדעם ווי נאכ'ן קורצען איבעררייס נאך סאקאלאוו'ס רעדע, איז די פלענאר-זיצונג פון קאנגרעס ווידער געעפענט געווארען, האט דער פארזיצער ד"ר לעא מאצקין מיטגעטיילט, דאס אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון קאנגרעס און אין נאמען פון דער עקזעקוטיווע וועט דער גרויסער ציוניסטישער מנהיג ד"ר טעאדאר הערצל פערשריבען ווערען צו זיין 25-טען יאהרצייט אין גאלדענעם בוך פון יודישען נאציאנאל-פאנד, אלס סימבאל פון יודישען אקטיוויטעט און שאפונגס-גייסט. פאר'ן שלוס פון דער פרייטאגדיגער פלענאר-זיצונג פון קאנגרעס האט גענומען דאס ווארט פראפ. בראדעצקי, וועלכער האט פאלעמיזירט מיט די רעוויזיאניסטען און האט פעסטגעשטעלט דאס 30% פון קאנגרעס האבען א פאזיטיווע שטעלונג צו דער עקזעקוטיווע. פראפ. בראדעצקי האט אויסגעדריקט זיין בעדויערן דערמיט, וואס די רעוויזיאניסטען ווילען נישט ארבייטן אין דער יודישער „אגענץ", וואו זיי וואלטען ערפילט זייער חוב אלס אפאזיציאנסטען. דערמיט איז די פרייטאגדיגע פלענאר-זיצונג פון קאנגרעס געשלאסען געווארען. די נעקסטע פלענאר-זיצונג פון קאנגרעס וועט פארקומען זונטאג נאכמיטאג.

אין ארץ-ישראל שאפען זיך נייע פארמען פון סאציאליזם

די עסטרייכישע סאציאל-דעמאקראטיע און דער ציוניזם

וויען, (יט"א) די וויענער צייטונג „טאג", וואס שטעהט נאהענט צו דער עסטרייכישער סאציאל - דעמאקראטיע האט אין צוזאמענהאנג מיט'ן 16-טען ציוניסטישען קאנגרעס, פערעפענטליכט אנ'ארטיקעל, וואס קען דינען אלס איינער פון די סימנים פון דער ענדערונג אין דער ביז-איצט פיינדליכער שטעלונג פון די עסטרייכישע סאציאל-דעמאקראטען צום ציוניזם. אין דעם ארטיקעל ווערט געזאגט צווישען אנדערען:

ווען מען הערט איצט, דאס איינער פון די פיהרענדע טעארעטיקער פון דער סאציאל-דעמאקראטיע, פראפ. מאקס אדלער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די יונגע פראלעטאריער פון ארץ-ישראל, וואס האבען בעת דעם יוגענד-צוזאמענפלוס מארשירט אונטער דער העברעאישער פאהנע, האבען נאך פיל צו זאגען דעם סאציאליזם, און אז אין מזרח שאפען זיך נייע פארמען, פון וועלכע דער אייראפעאישער סאציאליזם וועט זיך נאך קענען פיל לערנען, דארף מען אויך האפען, אז דער פון לאנג בעקאנטער און פאר בוידע צדדים שעדליכער אנטאגאניזם וועט בוסלעכווייז אפגעשאפט ווערען, ווייל אין דער מעהרע געפינט ער נישט קיין שום שטיצפונקט און קאן ערקלערט ווערען בלויז דורך קאנסערוואטיווע טראדיציעס, וועלכע די סאציאל-דעמאקראטיע קאן אויך ביי אונז לייכט איבערווינדען".

ענגלישער בעאמטער צווינגט א פרומען יוד שבת אונטערשרייבען א דאקומענט

לאנדאן. (יטא) די טעג איז דא בעת אנ'אומגליקס-פאל דערטרונקען געווארען דער 27-יעהריגער דוד עהרליכמאן. שבת איז צום פאטער פון פערשטארבענעם געקומען א רעגירונגס-בעאמטער און געפאדערט אונטערצושרייבען דעם דאקומענט וועגען טויט פון זיין זוהן. דער אלטער עהרליכמאן האט זיך ענטזאגט צו שרייבען אום שבת, ערקלערענדיג, אז דאס איז פערבאטען לויט דער יודישער רעליגיע. דער בעאמטער האט אבער ערקלערט, דאס „ער ווייס נישט וועגען אזא לעכערליכען פערבאט" און האט מיט שטראף-דראהונגען געצוואונגען דעם אלטען עהרליכמאן זיך אונטערצושרייבען.

די פרייטאג'דיגע פלענאר-זיצונג פון ציון. קאנגרעס

די פארטזעצונג פון דער אלגעמיינער דעבאטע.

צוריך, (יט"א)

אויף דער היינטיגער פלענאר-זיצונג פון ציוניסטישען קאנגרעס, וואס איז געעפענט געווארען נאכמיטאג, איז פארטגעזעצט געווארען די גענעראל-דעבאטע איבער דעם בעריכט פון דער עקזעקוטיווע. מיט גרעסערע רעדעס זענען ארויסגעטרעטען ד"ר קלעע (דייטשלאנד) און דר וואלט דעלעגאט פון די מאראקאנער ציוניסטען מורטש. נאכדעם האט ה' הארי סאקער אין א לענגערער רעדע געענטפערט אויף די פארוואורפען, וואס זענען געמאכט געווארען דורך די אפאנענטען און האט פערטיידיגט די פערשידענע שריט פון דער עקזעקוטיווע.

צוזאמענשטעל פון פערמאנענץ-קאמיסיע פון ציוניסטישען קאנגרעס

צוריך. (יטא) דער פארטיי-צוזאמענשטעל פון פערמאנענץ-אויסשוס פון 16-טען ציוניסטישען קאנגרעס איז פאלגענדער: אלגעמיינע ציוניסטען — 8 פארשטעהער, מזרחי — 5, פועלי-ציון — 4, התאחדות — 4, רעוויזיאניסטען — 2 און ראדיקאלע ציוניסטען — 1.

אין פרעזידיום פון פערמאנענץ-אויסשוס זענען געוועהלט געווארען ה' מאסינזאן אלס פארזיצענדער און ברודנו (פועלי-ציון), גרליה בובלוק (מזרחי) און אב. גאלדבערג (אלגעמיינע ציוניסטען) — אלס וויצע-פארזיצענדער.

קאנאדישער פרעמיער גראטולירט פרוי פרימאן מיט איהר אנטייל אין ציונ. קאנגרעס-פרעזידיום

צוריך (יט"א) דער קאנאדישער פרעמיער-מיניסטער האט טעלעגראפיש גראטולירט דער קאנאדישער דעלעגאטין צום ציוניסטישען קאנגרעס פרוי פרימאן מיט איהר אויסוואהל אין קאנגרעס-פרעזידיום.

דא איז אנגעקומען מיט א ספעציעלער שליחות פון די קאנאדישער רעגירונג ה' יאקאבס, כדי ביי דער נאהענטסטער געלעגענהייט בעגריסען דעם ציוניסטישען קאנגרעס און ארויסדריקען סימפאטיע דעם ציוניזם אין נאמען פון קאנאדע.

פאדערונגען פון ספרדישע יודען צום 16-טען ציוניסטישען קאנגרעס

צוריך. (יטא) די עקזעקוטיווע פון וועלט-פערבאנד פון די ספרד'ישע יודען האט איבערגעשיקט א מעמאריאל צום 16. ציוניסטישען קאנגרעס, וואס ענטהאלט א רייהע פאדערונגען פון די ספרד'ישע יודען. אין מעמאריאל ווערט אנגעוויזען, דאס די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט ביז איצט גרינגגעשעצט די אונטערנעמונגען פון די ספרדים און די מזרח-יודען בכלל. פאר דעם דאזיגען געריינגשעצטען טייל פון יודישען פאלק איז זעהר ווייניג אויפגעטאן געווארען אויפ'ן געביט פון אימיגראציע, לאנדווירטשאפטליכער קאלאניזאציע, ארבייטס-בעשעפטיגונג א.א.וו. דער וועלט-פערבאנד פון די ספרד'ישע יודען פאדערט דעריבער א געהעריגע רעפרעזענטאנץ אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און די נאציאנאלע אינסטיטוציעס, עס ווערט אויך געפאדערט צו גרינדען קאלאניעס פאר ספרד'ישע יודען, שאפען ארבייטס-פערמיטלונגס-ביוראען א.א.וו.

א ווענדונג צום ציוניסט. קאנגרעס

וועגען אויסווירקען דאס אריינלאזען שווארצבארד'ן קיין ארץ-ישראל

צוריך, (יט"א)

דער שווארצבארד-קאמיטעט האט זיך געווענדעט צום ציוניסטישען קאנגרעס מיט א דרינגענדע פאדערונג אויסצווירקען א באלדיגע אריינרייזע-ערלויבניש קיין ארץ ישראל פאר שלום שווארצבארד.

לאדזער טאגעבלאט

ד״ר רעדאקטאר נעמט־אן פון 6 ביז 7 אין אווענט.

נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16

טעלעפאנען: רעדאקציע 57. אדמיניסטראציע 47.

שוין צייט עפּיס אנהויבען טון!

אט אזוי איז עס שוין ביי אונז: מען רעדט און מען רעדט און מען בלייבט ביים... רעדען.

אט האט זיך מיט א פּאר וואכען צוריק ווידער גענומען טומלען וועגען צייט־(אמעגרופען און קאנסטיטואירען א צענטראלען יודישען ווירטשאפטליכען ראט.

די יודישע געזעלשאפט לעגט ארויף גרויסע האפנונגען אויף אזא ראט: פון אים זאל — ממשות'דיגע מאטען, וואס זאלען די יודען אין פּוילען בעווארענען פון דער רואה, פון דער צווייטער זייט דארף דער ראט פערשטעלען פאר דער רעגירונג קאנקרעטע דאטען, וואס אנבעלאנגט דער יודישער נויט, וואס איז פעראורזאכט געווארען א דאנק דער ביז אהעריגער ווירטשאפטליכער פּאליטיק פון דער רעגירונג.

מען ערווארט, אז דער דאזיגער ווירטשאפטליכער ראט זאל זיך קענען פערנעמען מיט דער עקאנאמישער אומשטענדיגקייט פון די יודישע מאסען, זאל פערלייכטערן די עמיגראציע, רעגולירען די קרעדיט־פערהעלטנישען און נאך און נאך...

אויפגאבען פעהלען נישט, עס פעהלען אבער מעשים!

די אויסשטעלונג פון די יודען אין פּוילען איז א דרינגענדע נויטווענדיגקייט. דאס איז קלאר און פערשטענדליך. מען דארף זיך אבער נישט איינרעדען, אז דאס קאן געשעהן אין משך פון א גאר קורצער צייט, אז די רעזולטאטען וועלען זיך גלייך בולט אנזעהן.

די ערפאהרונג לערנט אונז, אז נאך געוויסע גרופען אין דער האנדווערקעריי, ראדיאָ־, עלעקטרא־טעכנישע און מעכאנישע פראפעסיעס פאר קוואליפיצירטע ארבייטער, וואלטען געקענט געפינען בעשעפטיגונג. אינזאנדער א פראפעסיעס זענען איצט שוין יודען בעשעפטיגט און פונדעסטוועגען לאזט זיך כלל נישט פעסטשטעלען, אז די דאזיגע יודען איז שוין אזוי וואויל און גוט, אז זייער עקזיסטענץ איז שוין געזיכערט...

אויב די אינדוסטריע וועט ביי אונז בלויז מעהר־וועניג געקרעפטיגט ווערען, וועלען, אהן א ספק, א סך קלענערע האנדווערקער־ ווארשטאטען אפגעשוואכט ווערען פון דער אויבערפלעכע, דאס קעהרט זיך אן קודם כל די פאבריקען פון קאנפעקציע, שוכווארג, גאלאנטעריע א. ד. ג.

די אויסשטעלונג קאן זיך אויסדרוקען דעריין, וואס אין אלע גרעסערע יודישע צענטערן אין פּוילען זאלען ווערען איינגעארדענט לאנדווירטשאפטליכע שולען, וואו יודען זאלען קענען בעקומען א לאנדווירטשאפטליכע ערציהונג. ווייטער וואלטען זיך די מאסענווייזע יודישע קרעדיט־ זען בעדארפט פערגרעסערן מיט דער פראגע וועגען יודישער עמיגראציע און קאלאניזאציע.

אויב דער אויטאבוס־פערקעהר זאל זיך ווייטער ענטוויקלען אין דעם זעלבען טעמפּא, וואס ביז אהער, וואלטען אין דער נאהענטער צוקונפט מייזנגעדער שאפערען געהאט אויסזוכען צו געפינען דערביי בעשעפטיגונג. אויך יודישע מעטאל־ארבייטער וואלטען געקאנט קריגען דערביי ארבייט. מען בעטראכט אבער לגמרי נישט, אז די יודישע קרייזען, וואס פיהרען אן מיט דער פעראנטווארטליכער בעוועגונג, זאלען זיך פעראינטערעסירען מיט דער דאזיגער פראגע און זאלען ווירקען אויף דער יודישער יוגענד, אויסצולערנען זיך אט דאס פאך.

מען וואלט אויך ביי געוויסע אנשטרענגונגען געקענט גרינדען אינדוסטריע־שולען, וואו די יודישע יוגענד זאל זיך קענען לערנען מעכאניק, די ארבייט ביי עלעקטריפיקאציע. דאס איז א קאסט־שפּיליגע זאך און ערשט אין עטליכע יאהר ארום וואלט מען געקאנט זעהן די פרוכטען דערפון. עס וואלט אבער געווען א מעות זיך איינצורעדען, אז דאס איז שוין דער איינציגער רעטונגס־גארטעל, וואס וואלט געווען בכח אויפצוהאלטען מאסען־רואין. מען מוז אבער טון אלץ, וואס עס לאזט זיך!

נאך א פּאר ווערטער וועגען א ווייטערדיגער אקציע, וואס עס איז נויטיג צו רעגולירען — דאס איז די קרעדיט־אקציע.

דען אין דער צייט, וואס די מלוכה־בענק בעפרידיגען נישט די יודישע סוחרים'שאפט, אינגאנצען די יודישע האנדווערקער און אונטערנעמער זיך נאר אין א גאנץ קנאפער מאס מיט דער יודישער אינדוסטריע, — וואלט א נישט טייערער קרעדיט געקאנט בעדייטענד פערלייכטערן די יודען אינ'ם קאמף סיי אין האנדעל, סיי אין דער אינדוסטריע. אבער אויך אין דער דאזיגער הינזיכט בעדארף מען זיך נישט איינוויגען אין פאנטאזיעס. ווארום בענק, וואס זאלען זיין ביכולת צו פינאנצירען די יודישע האנדעלס־אומזאצען און אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען אין פּוילען, וואלטען בעדארפט בעזיצען אזא גרויסען קאפּיטאל, אז עס איז באמת אין איצטיגען מאמענט נישט צו זעהן, פון וואנען אזעלכע סומען צו קריגען.

נישט קוקענדיג אבער אויף די גרויסע שוועריגקייטען, מוז מען אבער פערלעגען אין די גרויסע שטעט בענק, וואס זאלען זיין אומשטאנד צו פערגרינגערן דעם שווערען מצב פונ'ם האנדעל און פון דער אינדוסטריע.

אויך א היפּש ביסעל פון יודישען קאפּיטאל וואלט זיך ארויבערגעטראגען אין די דאזיגע בענק, וואס מיר לעגען דא פאר.

און די צייטען זענען אזעלכע שווערע, טאר מען זיך נישט בעשעפטיגען מיט בלויז דיסקוסירען.

מען מוז צוטרעטען עפּיס צו טון!

ר. פ.

וואו איז פערשוואונדען דער גרעניץ טייבעל מערעטשאנקע?

א זעלטענער קאנפליקט צווישען פּוילען און ליטע

בקרוב דארף פארקומען א פּויליש־ליטווישע קאנפערענץ אין ראיאן פון מראק, אויף וועלכער ס'וועט צוו. אנד. בעטראכט ווערען א משעקאווער קאנפליקט וואס איז לעצטענס ענטשטאנען אויף דער פּויליש־ליטווישער גרעניץ. די געשיכטע פון קאנפליקט איז אזא:

אין ראיאן פון אראנער גמינע ליגט לענגס דער פּויליש־ליטווישער גרעניץ דער טייך מערעטשאנקע. אויפ'ן טייך שווימען פּליטען, אויף דער ליטווישער העלפט ליטווישע און אויף דער פּוילישער — פּוילישע. לעצטענס זענען די ליטווינער געפאלען אויף אזא פּלאן:

היות דער טייך דרעהט זיך ערטערווייז זיג־זאגיג, האבען זיי אין א געוויסען ארט ארויסגעפיהרט א קאנאל, וואס האט פעראייניגט אויף א גראדער ליניע דעם טייך אזוי, אז דער אלטער פארוואסער פון טייך איז אינגאנצען אויסגעריגען געווארען און דאס גאנצע וואסער געהט דורך דורכ'ן נייעם קאנאל, וועלכער געפינט זיך אויף דער ליטווישער טעריטאריע.

אויף דעם סמך דערלויבען איצט נישט די ליטווינער, אז מיט'ן קאנאל זאלען דורכשווימען פּוילישע פּליטען, ווען זיי שווימען דורכ'ן קאנאל.

די פּוילישע גרעניץ־וואך האט אינטערווענירט ביי די ליטווינער, אויפווייזענדיג, אז די גרעניץ־ליניע לויפט איז מיטען פון טייך. די ליטווינער אבער מענה'ן, אז קיינער קען זיי נישט פערווערען ארורכצופיהרען אויף זייער אייגענער טעריטאריע א קאנאל.

לסוף האט מען בעשלאסען זיך צונויפצוטרעפען אויף א קאנפערענץ, כדי צו קומען צו אנ'אויסגלייך.

דערווייל איז דער טייך מערעטשאנקע פערשוואונדען געווארען און איין ארט פון דער פּוילישער טעריטאריע.

וואס מען הערט און וואס מען זעהט אין ארץ־ישראל

די שנאה צווישען פּארטייען. — דער פּארטיי־מאמה דראהט אנצונעהמען א זעהר שארפען כאראקטער. — יודען, אין ארץ־ישראל, וואס קעמפען פאר גלייכבערעכטיגונג. — דער מצב פון די תימנ'ער און אנד. אריענטאלישע יודען. — מען פאהרט קיין אויסלאנד און מען פיהרט ארויס דאס ביסעל געלט.

(ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט")

ש. שווארץ.

שוין א פּאר וואכען ארומגער זינט די שטורעמדיגע אינצידענטען זענען פארגעקומען אין דער „אסיפת הנבחרים", און מען האלט נאך אין איין רעדען וועגען זיי און דיספוטירען, ווער עס איז דא גערעכט געווען און ווער אומגערעכט. אבער נישט דאס איז וויכטיג. עס איז א קליינע נפקא־מינה, צו ראובן אדער שמעון האט געזינדיגט. וויכטיג צו וויסען איז: וואס איז דא איינגעטליך געשעהן? א צופעליגער אינצידענט אדער אנ'ענטפלעקונג פון א טיפער וואונד?

דאס צווייטע איז ריכטיג. דאס געשלעג צווישען די פּארטייען אין דער „אסיפת נבחרים" איז נישט קיין צופעליגקייט. די בעציהונגען צווישען פּארטייען און גרופען אין ארץ־ישראל זענען פיינדליך שוין פון לאנג. און ספעציעל פערשארפט זענען זיי צווישען די לינקע און די רעוויזיאניסטען. מאג איך, מאג אים פיהרען די צייטונגען פון די פּארטייען, דער סאציאליסטישער „דבר" און זשאבאטינסקי'ס „דואר היום", א ביטערע פאלעמיק, וועלכע שטארקט די נעגעטיווע שנאה. אויף פערזאמלונגען און מיטינגען, און אפילו אין פּריוואטע זיצונגען קומט פאר דאס זעלבע: שארפע דיספוטען דורכגעדרונגען מיט האס. די רעוויזיאניסטיש־סאציאליסטישע בעציהונגען זענען אבער נאר אזוי צו זאגען, דער שפּיץ־בארג, נישט דער גאנצער בארג. זיי דעמאנסטרירען נאך אין א בולט'ער פארם דאס, וואס עס קומט פאר אין ישוב בכלל, און אלע זייגע טיילען. אינפערייגדליכע נעגעטיווע בעציהונגען עקזיסטירען דא אויך צווישען די לינקע און די פאבריקאנטען און בעלי־מלאכות, צווישען די לינקע און די קאלאניסטען. אפילו צווישען די לינקע און די לעהרערס און אנדערע אינטעליגענטועלע עקזיסטירט נישט קיין פריינדשאפט. אלזא איז דער גראבער אינצידענט אין דער אסיפת הנבחרים נאר א קאנסעקווענץ פון די פערשארפטע בעציהונגען, וואס דאמינירען שוין פון לאנג.

אנדערע „בורזשואזע" פּארטייען רעאגירען שוואך אויף דער קלאסען־פאליטיק פון דער „הסתדרות העובדים" (ארבייטער־ארגאניזאציע), ווייל זיי פיהלען אין זיך נישט קיין כח פאר א קאמף. דאגעגען האבען די רעוויזיאניסטען, זינט זשאבאטינסקי האט זיך בעזעצט אין ארץ־ישראל, אויפגעהויבען זייער שטימע געגען דער טאקטיק פון דער „הסתדרות". די לעצטע קעגען זיי דאס גוט מוחל זיין און דערום מעג מען ערווארטען אויך אין דער צוקונפט שווערע צוזאמענשטויסען צווישען די רעוויזיאניסטען און סאציאליסטען. מיט דער צייט וועלען וואהרשיינליך אריינגעצויגען ווערען אין אנ'אפענעם קאמף אויך די אנדערע בורזשואזע גרופען. דער באדען איז אלגעמיין גרייט צום קאמף שוין פון יארען אן. מען דארף נאך דערצו אויך מורא האבען, אז אויב די אויטאריטעטע קרייזען פונ'ם ישוב וועלען בעצייטענס נישט אננעמען די געהעריגע מיטלען, וועט דער קאמף אננעמען א פיזישען כאראקטער, ווי מיר האבען עס געזעהן אין דער אסיפת הנבחרים...

* * *

איינע פון די אנגעשטרענגטסטע פּראבלעמען אין ארץ־ישראל איז די לאגע פון אונזערע ספרד'ישע און בכלל אריענטאלישע ברידער: תימנ'ער, קורדישע, גרוזינישע און אנדערע. עס געהט כמעט נישט ארויבער קיין טאג, אז מיר זאלען נישט לייענען אין די צייטונגען א יעל־געשריי פון איינער פון די געציילטע געדען. די גרעסטע און מעהר אנגעזעהענע צווישען זיי, די רייך־ספרד'ישע קהלה, איז אויך בעסער ארגאניזירט. די „אלוועלטליכע ספרד'ישע אוניאן" פיהרט אונטערהאנדלונגען מיט דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. מיט'ן ועד לאומי. און אפטמאל דערגרייכט זי עפּיס. די אנדערע געמיינדעס זענען, דאגעגען, זעהר שוואך ארגאניזירט און אהן אינפלוס. אבער אפילו די ספרדים זענען שטארק אומצופרידען, מענה'נדיג, אז פונ'ם צוזאגען קומט גארנישט ארויס. דער ציוניסטישער קאנגרעס נעמט אן בעשלוססען, די עקזעקוטיווע און ירושלים זאגט צו צו ערפילען די גערעכטע פאדערונגען פון די ספרדים, תימנים א.א.וו. אבער און אמת'ען ווערט גארנישט געטון, און די אונטערערשטען פון די דאזיגע געמיינדעס ווערען סיסטעמאטיש פערנאכלעסיגט.

וואס ווילען זיי, אונזערע אריענטאלישע ברודער? עס איז א חרפה ארויסצורעדען: גלייכבערעכטיגונג. זיי מענה'ן, אז בנוגע אימיגראציע, קאלאניזאציע, שולען און אלע אנדערע בעדערפענישען בעציהט מען זיך צו זיי ווי צו שטיף־ברידער. דאס הייסט, מען גיט זיי וועניגער סערטיפיקאטען אויף אריינצוקומען אין לאנד: מען גיט זיי קלענערע חלקים, ווען מען פערשרייבט ערד די נייע קאלאניסטען; מען עפענט פאר זייערע קינדער ווייניגער שולען ווי פאר די אשכנזי'שע קינדער; דער קרעדיט, וואס קען זיי ערהאלטען, איז פון א קלענערער מאס; מען זארגט בכלל וועניגער די בעדערפענישען פון זייערע קאלאניסטען פיל וועניגער, ווי מען זארגט וועגען די רוסישע און פּוילישע קאלאניסטען.

צום בעדויערען, מוז מען צוגעבען, אז עס איז דא פיל אמת אין די דאזיגע בעשולדיגונגען, הגם זעהר אפט איז דא קיינער נישט שולדיג, נאר דאס לעבען אליין פיהרט צו אומנארמאליטעט. דער וועג צו פערבעסערן די לאגע איז אהן א שום ספק דער, וואס אונזערע אריענטאלישע ברודער פאדערן: פארשטארקען אין די ציוניסטישע אינשטאלטען. איצט האבען זיי דארט כמעט קיין פערשטעהער נישט, און עס איז נישטא קיינער, ווער עס זאל דארט וועגען זיי תמיד, טאג־טעגליך, געדענקען און זארגען. ספעציעל וואלט מען עס געדארפט אין זינען האבען ביים צוזאמענשטעלען די „יודישע אגענצי". געוועלטיגקייט פאדערט אונבעדינגט, אז עס זאל דארט זיין לפחות איין תימנ'ער, ער זאל פערטרעטען די אינטערעסען פון אט דעם בעגאבטען און אזוי אומגליקליכען יודישען שבט...

* * *

די ספעציפישע ארץ־ישראל־קראנקהייט, דאס צופאהרען זיך זימער קיין אויסלאנד, איז איצט אין סאמע ברען. מען פאהרט אין די הונדערטער. ניין — אין די טויזענדער. עקספערטען האבען אויסגערעכענט, אז קרוב צו הונדערט טויזענד פונט וועלען היינטיגען זימער אויסגעבען אונזערע פאלעסטינער אין אייראפּא. אלע פאהרען: די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און זייערע בעאמטע, מיטגלידער פון ועד־הלאומי, קרן־היסוד און קרן־קימת־בעאמטע. פיהרער פון דער „הסתדרות העובדים", פערשטעהער פון פערשידענע אונטערנעהמונגען, וואס בעטען חולה, און געווערקשאפטס־לייט. דעלעגאטען און געסט צום ציוניסטישען קאנגרעס און צו דער יודישער אגענץ און צו פערשידענע פּארטיי־צוזאמענפאהרען. היינט געהט צו צי די פאהרער די, וואס פערברענגען אויף קור־ערטער, זיך פערפּליקאמען א ביסעל און ווינשען פאר לימודים סתם, זיך זעהען מיט איינענע א.א.וו. דאס איז א וואקאנצאליע, אנ'אמת'ער שגעון. אלע יאהר פראטעסטירט די פּרעסע און אלע יאהר חזר'ט זיך איבער דאס זעלבע. ארץ־ישראל איז נישט איבערצואנערקענען...

וו. ט.

ניו־יארק, 15, יולי.

ס'שטעהט פאר א שווערער ווינטער אויף יודישע פעלדער אין אוקראינע

(א בריף פון סאוויעט־רוסלאנד, ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט") — פון ב. סמאליאר.

II.

בומער וועט זיין היינטיגעס יאהר די לאגע פון די קינדער און די יודישע קאלאניעס, אויב מען וועט בעצייטענס נים ארגאניזירען פאר זיי קיין הילף דורך שפּייז און קליידער. נאך איצט, בעת די מאנגעלע גערעטעניש פון דעם יאהר ווערט אראפגענומען פון די פעלדער, איז נויטיג געווען פאר דעם סאוויעטישען רויטען קרייז צו בעזארגען די קינדער פון די יודישע קאלאניעס אין אוקראאינא מיט אומזיסטער שפּייז. דער רויטער קרייז האט ארגאניזירט א רייהע שפּייז־פונקטען פאר די קינדער און די קאלאניעס און גיט ארויס שפּייז־פּראדוקטען אויף א סומע פון צוויי און א האלבען רובעל א מאנאט פאר יעדען קינד. אויף ווינטער וועט די דאזיגע קינדער־הילף מוזען פערגרעסערט ווערען. זי וועט מוזען ארגאניזירט ווערען אויף א געזעלשאפטליכען אופן און אין א ברייטערען מאסשטאב. דאס איז שוין איצט אזוי קלאר, אז די צענטראלע פערוואלטונג פון „אזעט" אין מאסקווא האט שוין איצט בעצייטענס גענומען זיך פערקלערען וועגען דעם. אויב די דערוואקסענע קאנען ווינטער אונטערהונגערן, איז קלאר, אז א צווייטען ווינטער פון הונגער טאר פאר די קינדער נישט דערלאזט ווערען.

עס שטעלען זיך דערפאר איצט אוועק א צאהל שווערע קאמפּליצירטע פּראבלעמען אויף היינטיגען ווינטער פאר יענע, וואס זייער ארבייט איז צו זארגען זיך פאר דעם וואוילזיין פון די יודישע קאלאניעס. שפּייז און היצונג פאר די גרויסע, און נאהרונג און קליידונג פאר די קינדער זענען זאכען, וואס מען מוז שוין איצט בעצייטענס, אז מען וועט זיך וועגען זיי מוזען פריהער בעטראכטען. דערצו קומען נאך צו זארגען מיט זריעה אויפ'ן נייעם יאהר, זארגען מיט קרעדיטען, זארגען מיט ווירטשאפטליכער איינארדנונג, און סתם זארגען ארום דעם פוראזש פאר די פערד און בהמות.

אט די אלע פּראבלעמען און זארגען רוקען איצט ארויס און פארנט די פּראבלעמע וועגען ארגאניזירען פאר די יודישע קאלאניסטען זייטיגע פערדינסטען. עס איז קלאר, אז אהן זייטיגע פערדינסטען וועט זיין שווער דורכצושטופּען דעם ווינטער, מא איז וואו־זשע די דאזיגע זייטיגע פערדינסטען בעשטעהן?

הערען זיך שטימען, אז מען זאל געבען די יודישע קאלאניסטען א מעגליכקייט אין די ווינטער־מאנאטען צו ווערען קוסטארען. ווינטער איז סיי ווי נישטא וואס צו טון אין דער קאלאניע, און דען נישט פראקטישער, אז די יודישע פויערים זאלען אויסנוצען די דאזיגע פרייע ווינטער־מאנאטען צו פערנעמען זיך מיט זייערע אלטע מלאכות. ווער עס איז פון דער היים א שניידער, זאל איצט און דארף אויך ווערען אויף ווינטער א שניידער. עס קאן קריגען שניידערישע ארבייט פון די ארומיגע דערפער ביי די נישט־יודישע פויערים. ווער עס איז געווען אין דער היים א שוסטער, זאל זיך אויפ'ן ווינטער נעמען צו לאטען שיך, א קירזשנער זאל זיך נעמען נייהען היטלען, און א פעלצען־מאכער — פעלצען.

עס זענען אויך פאראן מיינונגען, אז מען מוז די יודישע קאלאניסטען אויף ווינטער פערזארגען מיט מעהר בהמות, וואס עס בעדייט מעהר מילך־פּראדוקטען. מעהר מילך־פּראדוקטען בעדייט א פערגרעסערטע הכנסה. א פערגרעסערטע הכנסה איז דאס, וואס די יודישע קאלאניסטען וועלען היינטיגען ווינטער מוזען האבען, ווייל זייער גאנצער ווייץ איז געגאנגען לאיבוד.

פארהאן נאך אנדערע פּראיעקטען ווי אזוי צו פערזארגען דעם יודישען קאלאניסט מיט זייטיגע פערדינסטען אויפ'ן ווינטער. די דאזיגע פּראיעקטען — וועלכע זענען איצט דערווייל נאך נעבעלדיגע — וועלען איינציגווייז דורכגעטראכט ווערען, אנאליזירט ווערען, און מעהר וועניגער דורכגעפיהרט ווערען. סיי דער יודישער קאלאניסט און סיי די יודישע ארגאניזאציעס וואס זענען פעראינטערעסירט אין דעם וואוילזיין פון דעם יודישען קאלאניסט, האבען פון דעם פאראיאהריגען שווערען ווינטער עטוואס געלערנט פאר היינטיגען ווינטער. דער קומענדיגער ווינטער, ווי שווער ער זאל נישט זיין, וועט ער דערפאר דורכגעהן פיל גרינגער פאר דעם יודישען דארף, ווי דער פאראיאהריגער. ערפאהרונג איז פארט דער בעסטער לעהרער...

מען דארף נישט האבען קיין מעות און מיינען, אז אין אלע יודישע קאלאניעס וועט דער קומענדיגער ווינטער זיין א ביטערער. אין די ראיאנען פון קרים איז פאראיאהרען דער ווינטער פערהעלטניסמעסיג נישט געווען אזא שלעכטער, און וועט אויך היינטיגעס יאהר נישט זיין קיין שלעכטער.

די יודישע קאלאניעס אין קרים האבען מעהר מזל, ווי יענע, וואס אויף אוקראאינא. דארט זענען די רעגענס היינטיגען זומער אויסגעפאלען אין צייט, און די לאגע דערפאר דארט מעהר־וועניגער א נארמאלע. די פּראבלעמען פון די יודישע קאלאניסטען אין אוקראאינא זענען פאר די יודישע קאלאניסטען אין קרים נישטא. פארהאן דארטען אנדערע פּראבלעמען, אבער נישט אזעלכע, וואס זאלען שמעקען מיט מורא פאר הונגער אויפ'ן ווינטער. אמערגסטען איז די לאגע אין די ראיאנען פון זאפּאראזשע. דארטען האט זיך אויסגעגאסען דער גאנצער צארן פון דער נאטור. און זאפּאראזשע איז דאס גערעטעניש אויף די יודישע פעלדער אזא נישטיגעס, אז עס איז כמעט נישטא וואס אראפצונעמען פון די פעלדער.

נישט שטארק בעסער איז די לאגע אין דעם מאריאמפּאלער ראיאן, וואס ווערט בעדינט פון „יעקא". אין דעם דאזיגען ראיאן וועלען די ארימע יודישע קאלאניסטען זיך נויטיגען זעהר שטארק אין שפּייז, און מען קלערט שוין בעצייטענס וועגען דעם, ווי אזוי די דאזיגע שפּייז פאר זיי צוצוגרייטען.

א ביסעל בעסער איז די לאגע אין דעם ניקאפּאלער ראיאן — אויך א „יעקא"־ראיאן. דארטען זענען די פעלדער עטוואס אויפגעגאנגען, אבער אזוי ווי קיין קארן האט מען דארט כמעט ווי נישט געזייט און דער ווייץ איז פערלוירען געגאנגען, זענען קיין ברויט־תבואות דארט נישטא.

אין כערסאנער ראיאן, דארט, וואו עס ארבייט דער „אגרא־דזשאינט", האט מען אויך היינטיגעס יאהר געזייט וועניג קארן. די זומער־תבואות, וואס זענען דארט פארהאן אויף די פעלדער, בעשטעהען פון גערשטען, האבער און הירזש. די דורכשניטליכע גערעטעניש איז אבער דארט היינטיגעס יאהר עטוואס העכער, ווי אין לעצטען יאהר. לעצטען זומער זענען די פעלדער פון כערסאנער ראיאן אינגאנצען געווען אויסגעברענט דורך די הייסע ווינטען, דערפאר האבען בלויז 133 נייע פאמיליעס זיך בעזעצט דארט אויף נייע ערד־חלקים. אין דער צייט, ווען דער „קאמזעט" האט דארט אויסגעטיילט ערד פאר 1258 פאמיליעס. יודען האבען פשוט מורא געהאט זיך דארט צו פערפעסטיגען אויף ערד, צוליב דעם געפאהר פון שלעכטער גערעטעניש.

אנ'עהנליכע לאגע צום כערסאנער ראיאן איז אויך איצט אין קריוואראג. דארט איז היינטיגעס יאהר די גערעטעניש נישט קיין הויכע, אבער אין דורכשניט איז עס א בעסערע ווי אין לעצטען יאהר. די יודישע קאלאניסטען, וואס האבען דארט איבערגעלעבט לעצטען יאהר א שלעכטען ווינטער, וועלען היינטיגעס יאהר קיין ערנסטע ווינטער שוין נישט איבערלעבען. פערקעהרט, די ערפאהרונג פון לעצטען יאהר וועט זיי ברענגען נוצען היינטיגעס יאהר אין דער הינזיכט פון וויסען בעצייטענס, ווי אזוי זיך צוצוגרייטען צו א שווערען ווינטער.

אין אדעסער ראיאן, דארט, וואו עס ארבייט דער „ארט" איז די לאגע נים בעסער און נישט ערגער ווי אין די ראיאנען פון „אגרא־דזשאינט". די קאלאניעס פון אדעסער ראיאן האבען בלויז די מעלה, וואס זיי ליגען נישט ווייט פון ארומיגע שטעט. די יודישע קאלאניסטען פון יענעם ראיאן קאנען דערפאר אויסנוצען זייערע פערד צו פאהרען מיט זיי אין שטאט ארייַן און פערדינען זיך אויף טאג־ארבייט.

עס געהט איצט שוין אן די שניט־ארבייט אויף די פעלדער אין אלע ראיאנען. קיין גליקען פון דעם איצטיגען שניט ערווארטען נישט די יודישע קאלאניסטען. זיי ווייסען אויך, אז דעם היינטיגען ווינטער וועלען זיי קיין האניג נישט לעקען. דאך וועלען זיך אפנארען יענע, וואס דענקען, אז צוליב דעם שלעכטען גערעטעניש סיי היינטיגעס יאהר, און סיי פאראיאהרען, וועלען די יודישע קאלאניסטען פערלאזען זייערע פעלדער צו געהן צוריק אין שטאט אריין. איינמאל א קאלאניסט, איז מען שוין א קאלאניסט אויף שטענדיג. די מוטער־ערד איז א קארגע מוטער, אבער וועלכע קינדער האבען עס אמאל זייער מוטער בלויז דערפאר, וואס זי האט פון צייט צו צייט קארגען?...

אלטער יוד פאלט אלס קרבן

פון זונטאג־רוה אין בריסק.

בריסק. — דאס יודישע בריסק געפינט זיך אונטער'ן שווערען רושם פון פאלגענדען געשעהעניש:

דער עלענטער, ארימער שניידער מאיר גארטין, 50 יאהר אלט, וועמען די היגע שניידער־מייסטער פלעגען פון רחמנות וועגען דערלויבען אמאל צו מאכען ביי זייער טיש א שטיקעל אייגענע ארבייט, איז זונטאג אין דער פרי געזעסען ביים שניידער פעלטע לוטמאנבערג און פערריכט אנ'אלטע מארינארקע.

פלוצלונג איז אין שטיבעל אריינגעקומען א פאליציאנט און זעהענדיג ביי דער מאשין דעם אלטען גארטין, איז ער צוגעטרעטען מאכען א פּראטאקאל פאר ארבייטען זונטאג.

אזוי ווי גארטין איז געווען שטאר־קויט און קיין פּאס האט ער אויך נים געהאט, האט איהם דער פאליציאנט אפגעפיהרט אין קאמיסאריאט.

דאס איז געווען א פערטעל אויף צוועלף ביים טאג. אין 15 מינוט ארום איז בעקאנט געווארען, אז דער יוד איז פלוצלונג געשטארבען.

דערווייל האבען זיך אנגעהויבען פערשפּרייטען קלאנגען, אז מ'האט דעם יודען אין קאמיסאריאט געשלאגען. און אז דערפון איז ער געשטארבען. די דאזיגע קלאנגען האבען זיך בליץ שנעל פערשפּרייט איבער'ן שטאט און מען האט רופא געוואלט, אז מ'זאל איבער'ן מת דורכפיהרען א סעקציע, כדי צו בעשטעטיגען דעם אמת וועגען זיין פלוצלונגען טויט.

נאך א רייהע השתדלות'ן, איז בעקומען געווארען א פעראָרדנונג פונ'ם אויספארשונגס־ריכטער, אז מחמת דעם, וואס די יודישע בעפעלקערונג איז אויפגערעגט צוליב די אומשטענדען, וועלכע האבען גורם געווען דעם טויט פון יודען גארטין, זאל מען אדורכפיהרען א סעקציע.

דער מת איז שוין דעמאלט, אונטער א פאליצייאישער שמירה, געווען אויפ'ן בית־עולם. מ'האט דעם ארון צוריקגעפיהרט אין שטאט, צום יודישען שפּיטאל וואו ס'האבען אדורכגעפיהרט די סעקציע די ספעציעל ארויסגערופענע פון ווארשא ד״ר פראוו אמבאס, דער בריסקער דאקטאר יפה, דער קרייז־דאקטאר א. אנד.

די סעקציע האט פעסטגעשטעלט, אז מאיר גארטין, וועלכער האט געהאט א שוואכען ארגאניזם, איז געשטארבען פון שרעק, פאלענדיג אויפ'ן שוועל, פון וואס ער האט בעקומען צייכנס ביים שלייף און פנים.

מאנטאג א זייגער האלב 5 האט זיך אנגעהויבען די לויה, די גאסען זענען געווען פול מיט מענשען. די פאליציאנטע מאכט האט אבער בעשלאסען דורכצופיהרען די קבורה שטיל.

דאס האט נאכמעהר אויפגערעגט דעם דערשלאגענעם עולם, צווישען וועלכען ס'האט זיך אויך פערשפּרייט א קלאנג, אז ד״ר יפה זאל כלומר'שט נים ריכטיג האבען אונטערגעשריבען דעם פּראטאקאל. ס'האט אנגעהויבען רעגענען מיט שטיינער אין ד״ר יפה'ס פענסטערס. פאליציי האט דעם עולם צוטריבען.

די יודישע עפענטליכקייט וואונדערט זיך אבער אלץ נישט בערוהיגען צוליב אנ'אנדער טעם: וואס פאר א חטא איז דא בעגאנגען דער אלטער, ארימער שניידער, וועלכער האט ערגעץ אויף א הינטער־געסעל, פערדרשאבעט זונטאג אנ'אלטע מארינארקע? פארוואס איז אים געקומען צו מאכען א פּראטאקאל?

(נ. ל.)

ראדיטשעוו, דער אלטער יודישער פריינט לעבט איצט אין גרויס נויט

ש. ראזענפעלד אפעלירט, אז יודען זאלען איהם העלפען

דער בעקאנטער יודישער פובליציסט, ש. ראזענפעלד, גיט אין ניו-יארקער „טאג" פאלגענדע כאראקטעריסטיק פון אונזער אלטען פריינד פ. א. ראדומשעוו.

אויך אין צאריסטישען, בורזשואזען רוסלאנד האבען יודען געהאט פריינד. אויסגעפרובירטע, טרייע, איבערגעגעבענע.

און פריינד זענען זיי געווען — נישט בלויז פון איין קלאס אונזערען, נישט בלויז פון איין קאטעגאריע און נישט בלויז פון מענשען מיט איין בעשטימטער וועלט-אנשויאונג. נאר פריינד זענען זיי געווען פון כלל-ישראל, פון יודישען פאלק — אהן אונטערשייד פון אפשטאם און אהן חילוק פון בעשעפטיגונג...

איינער פון די ראזינגע וועניגע, אויפריכטיגע פריינד אונזערע איז געווען, איז אויך איצט:

פיאדאר איזמאילאוויטש ראדומשעוו.

ער איז איינער פון די שענסטע טיפּען, וואס דער רוסישער ליבעראליזם, אדער דעמאקראטיזם האט ארויסגעבראכט. צייטלעבען לעבט ער און ווירקט ער אין דער בערוהמטער טווערער זעמסטווע, וואס האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר פראגרעסיווקייט און קעמפערישקייט. די טווערער זעמסטווע איז עס געווען, וואס האט זיך איינגעשטעלט און געשיקט א דעפוטאציע — און ראדומשעוו איז געווען איינער פון דער דעפוטאציע — צו ניקאלאי דעם צווייטען, בעת זיין קרוינונגס-יום-טוב, און פאדערן פון איהם א קאנסטיטוציע. ניקאלאי האט איהר, דער דעפוטאציע, געראטען, „ארויסצושלאגען זיך פון קאפּ די פוסטע פאנטאזיעס". אבער די מענשען פון דער דעפוטאציע זענען ביי זייערע פאנטאזיעס געבליבען און געקעמפט פאר זיי אזוי לאנג, ביז זיי זענען געווארען א ווירקליכקייט. איינער פון די ראזינגע אנגעזעהענסטע קעמפער איז געווען ראדומשעוו. און ביי די נייע, פרייהייטליכע בעדינגונגען, וואס האבען זיך אנגעהויבען נאך פּלעווע'ס טויט, איז ראדומשעוו געווען דער ערשטער, וואס האט אויף עפענטליכע פערזאמלונגען אין פעטערבורג געפאדערט אויטאנאמיע פאר פוילען, גלייכבערעכטיגונג פאר יודען און אינערליכע פרייהייט פאר פינלאנד. און א מענש, וואס האט זיך דאן ערלויבט אזוינע פאדערונגען צו שטעלען דער רעגירונג, און דערביי נישט קארגען קיין שארפע קריטיק פאר די הערשער, איז כלל וכלל נישט געווען זיכער, אז ער וועט פאר זיין „חוצפה" נישט דארפען צאהלען מיט זיין פרייהייט...

און אז ראדומשעוו האט גערעדט — האט רוסלאנד געהערט און זיך צוגעהערט. ווארום ווי פרינציפּיעל זיין פּאליטיק, ווי אונבעפלעקט זיין פּאליטיש געוויסען, אזוי גלענצענד זיין רעדנער-טאלאנט. רעדט ראדומשעוו — צוטערט יעדעס הארץ, רעגט זיך יעדע רעגס געפיהלען. זיין טעמפּעראמענט עלעקטריזירט. זיין לאגיק — פאנגט. און זיין שטראף-ווארט שניידט ביזן ביין. און דאס זענען נישט געווען סתם-ווערטער פון א שיין-רעדנער. און די שארפסטע בילדער שילדערט ער אויס-רעכט. מלוכה-פערברעכענס און מיוס-ווילינע הערשאפט. מיט די בולט'סטע פארבען מאלט ער די נויט און דעם עלענד פון די פערפאלגטע און ליידענדיגע, און אין נאמען פון יושר, אין נאמען פון גערעכטיגקייט און מענשליכקייט פאדערט ער ענדערונג צו גוטען, פערגיטיגונג פאר גערויבטע רעכט און גליק, און בעזוויליגקייט זאל פון רעגירונגס-קרייזען אינגאנצען פערשווינדען.

און שפעטער, אז די „גאסודארסטווענע דומע" האט אנגעהויבען צו פונקציאנירען, איז ראדומשעוו איינער פון די בעסטע רעדנער איהרע און דער בעסטער מענש, וואס געפינט זיך אין איהר. דער טאג ווען ראדומשעוו האט גערעדט, איז געווען א יום-טוב — נישט בלויז פאר די דעפוטאטען אין דומע, נאר בלויז פון דער גרויסער, צו נאציע, וואס איז געווען דירעקט פעראינטערעסירט אין דער פראגע, וועגען וועלכער ער האט גערעדט, נאר א פריינד איז עס געווען פאר'ן גאנצען לאנד — וואס ראדומשעוו האט אזוי שטארק, אזוי שעהן און אזוי שטאלץ איהם פון הארצען ארויסגערעדט. געהערט צו געלייגט — יעדער האט זיינע ווערטער געשילדערט, קיין איינציגעס נוט אויסגעלאזט, ווערען פון די ווילדסטע רעפּטאטען מ'האט אויך געהערט, געשוויגען מעט און מיט געהאלטען, אבער ראדומשעוו'ן האט רוסלאנד ליב געהאט — פאר זיין פרינציפּיעלער עהרליכקייט, פאר זיין געוויסענהאפטיגקייט, הארציגקייט און פאר זיין איינזעהן [...] פאר אלע אונטערדריקטע און אומפערדריקטע פערפאלגטע. און אויב אויף יודען פאלט אויס זיין „איינשטעלען זיך" אפטער, ווי אויף אנדערע; אויב יודען נוט ער אוועק א גרעסערן חלק פון זיין טאלאנט און פון זיין ענערגיע און פון זיין מיטלייד, טוט ער עס דערפאר, וואס יודען אין רוסלאנד זענען געווען אונטערדריקט מעהר ווי אנדערע, פערפאלגט מעהר ווי אנדערע...

און בעת דער מעכטיגער סטאליפּין ווענדט-אן די שפעטערדיגע טשעקא-מעטאדען געגען זיינע געגנער, לאזט הענגען מענשען אהן געריכט און אהן משפט, — דאן האלט ראדומשעוו אין דומע זיין בעוואוסטע רעדע וועגען „סטאליפּינ'ס האלז-בענדער". דאן האט ער אין מאל פאר אלע מאל, פאר רוסלאנד און פאר דער וועלט-געשיכטע, אפּגעשטעמפּעלט סטאליפּינ'ען פאר שרעקליכסטען טיראן אויף'ן רוסישען טראן ביז זיין צייט...

אזוי האט ער געווירקט ביז אקטאבער 1917. נאך דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע האט זיך ראדומשעוו קוים א לעבעדיגער ארויסגעכאפּט קיין פאריז.

דארט לעבט ער, אונזער אלטער פערטיידיגער און פריינד. אבער ווי אזוי לעבט ער? דאס ווייסען נוט פיל, אבער מען ווייסט: ראדומשעוו איז קיינמאל נוט רייך געווען, איצט איז ער ארים. איצט, אין עלטער פון עטליכע און זיבעציג, לעבט ער אין דחקות און אין ריינגער-נויט. מיר דוכט זיך, אז פונקט ווי עס איז נישטא קיין איינציגער פּאליטיש-פערשטענדיגער און יודיש-פעראינטערעסירטער יוד, וואס זאל נוט האבען געהערט און געוואוסט פון ראדומשעוו'ן אלס פריינד פון יודען און פערטיידיגער פון יודען, אזוי דארף זיך נוט געפינען קיין איינציגער צווישען די דאזיגע פערשטענדיגע און אינטערעסירטע, וואס זאל איהם נוט העלפען אין זיין נויט. און זיין לעצטער לעבענס-נויט דאס פערשווייגען און „נוט-וויסענדיג מאכען זיך" אין דעם פאל וואלט געווען פאר אונז א סימן, אז מיר זענען „כפוי טובה". — קעהרען זיך קאלט אפּ פון די וואס האבען זיך אזוי ווארים פערהאלטען צו אונז. און דאס איז די שווערסטע חרפה פאר א כלל.

מענער דארפען זיך לערנען פון פרויען, ווי זיך צו קליידען זומער-צייט

אינטערעסאנטע מיינונגען וועגען מענער-מאדעס.

מיר זענען נאר וואס איבערגעקומען א היץ-כוואליע, וואס האט אונז געפּייניגט כמעט א וואך כסדר אהן אנ'אויפהער, און ביי דעם משוגענעם קאפּריזנעם היץ-אהרונגען קלימאט איז נאך נישט אויסגעשלאסען, אז נאך איידער דער ארטיקעל וועט זיין אין דרוק, וועלען מיר שוין געפּייניגט ווערען פון א צווייטער היץ-כוואליע. און אין די דאזיגע טעג איז אין אונזערע מקומות א כך אומדערטרעגליכער, ווי אפילו אין מאנכע טראפּישע לענדער.

אין די טראפּישע לענדער וואוינען מעהרסטענס מענשען, וועלכע מיר בעטראכטען פאר ווילדע, אדער האלב-ווילדע. און דארט האבען יענע „ווילדע" אדער „האלב-ווילדע" מענשען מעהר שכל צו וויסען, ווי אזוי מען דארף גיהן אנגעטון, ווען די זון גליהט אין די לופט פארעט, איידער מיר, די חכמים און צוויליזירטע מענשען. יענע ווילדע, אדער האלב-ווילדע וויסען, אז ווען עס איז הייס, זענען קליידער אבסאלוט נישט נויטיג. מיר, די צוויליזירטע מענשען אבער, פאר אונז איז ווייניג, וואס די זון ברענט און בראט אונז, נאר מיר העלפען איהר נאך צו און טראגען אויף זיך אזוי פיל און אזעלכע אומבעקוועמע קליידער, אז מיר בראטען, ווי די גענז און שוויצען ווי די בויבערס.

מיר טראגען אויף זיך צופיל קליידער אפילו ווינטער-צייט. אונזערע זומער-קליידער וועגען דריי מאל אזוי פיל, ווי די קליידער, וואס די פרויען טראגען. דאס איז א פשוט'ער אידיאטיזם. וואס שנעלער די „צוויליזירטע" מאנסבילען וועלען אויסגעפינען, אז מען דארף זומער-צייט אראפּווארפען פון זיך דריי-פערטעל פון די קליידער, אלץ בעסער וועט עס זיין פאר זייער געזונד און אלץ פרייער און בעקוועמער וועלען זיי זיך פיהלען.

דא און דארט האט זיך שוין אנגעהויבען א בעוועגונג צו רעפארמירען די מענער-קליידער, בעזונדערס פאר'ן זומער. אין דייטשלאנד, למשל, און אויך אין אנדערע לענדער פון מיטעל-אייראפּא געפינען זיך שוין א סך מענער, וואס ווארפען פון זיך אראפּ די לאנגע הויזען און די שווערע שיך, אזוי שנעל ווי עס קומט דער ליבער זומער, און געהען ארום אין לייכטע, קורצע הויזלעך, לייכטע סאנדאלען און נעגליזשע בלוזעס מיט צעעפענטע קעלנער און קורצע ארבעל.

דא האט נאך דערווייל די מאדע נוט אריינגעדרונגען. אבער אפילו אין אייראפּא איז די צאהל „קלוג-געווארענע" מענער אזוי קליין, אז זיי רופען ארויס מעהר אויפזעהן, איידער חשק זיי נאכצוטון.

אין דער הינזיכט פון קליידונג זענען אונזערע מענער מאדנע בעשעפענישען, און מאדנע בעשעפענישען וועלען זיי תמיד פערבלייבען. די שיך, וואס מענער טראגען, קענען אפשר ווערען אביסעל לייכטער. די הויזען ווייטער אביסעל ווייכער. אבער בנוגע די אנדערע מלבושים איז דער „דזשענטעלמען" מיט געשמאק פעראורטהיילט אפּ ביז צו טראגען שווערע און אונבעקוועמע מלבושים.

אזוי האט ערקלערט ל. פ. פאראי, פון דער בערוהמטער לאנדאנער מענער-קליידער-פירמע, בערנארד עטערהיל, לימיטעד. וואס נעהט קליידער פאר דעם קעניג פון ענגלאנד און פאר דעם פרינץ פון וויילס, וועלכער איז פערערכעוונט פאר דעם פרינץ פון דער מענער-מאדע.

יעדער פון די דריי האט אנגעגעבען פערשידענע טעמים, פארוואס די מענער וועלען אייביג בלייבען שקלאפען פון שווערע קליידער. אבער אין איין זאך האבען אלע דריי איינגעשטימט, אז דאס נעמט זיך הויפּטזעכליך דערפון, וואס מענער זענען געוועהנליך זעהר קאנסערוואטיוו אין דער הינזיכט פון קליידער. צופעליך בייט זיך טאקע יא די מאדע, און אין לויף פון עטליכע צעהנדליגער יאהרען קומט טאקע פאר א ראדיקאלער אומבייט, אבער דאס, מיינט נאך נוט, אז די שפּעטערדיגע מאדעס וועלען דיקטירט ווערען צוליב בעקוועמליכקייט, נוכער מקריב זיין בעקוועמליכקייט, איידער דאס, וואס ער בעטראכט פאר ווירדינקייט...

מענער האבען ליב חוזק צו מאכען פון פרויען הלמאי זיי זענען אזוינע שקלאפען פון דער מאדע. אבער דער מאן אליין איז א גרעסערער שקלאף פון דער מאדע, ווי די פרוי. א מאן איז אין קליידונג א גרויסער פחדן. ער האט מורא זיך אנצוטון אנדערש ווייל מאכער וועט ער אויף זיך צוזעהן צופיל אויפמערקזאמקייט און מאמער וועט ער אויסזעהן לעכערליך.

אט די מורא אויסצוזעהן לעכערליך איז די הויפּט-אורזאך, וואס די מענער-מאדעס בייטען זיך אזוי זעלטען. און אפילו ווען זיי בייטען זיך יא, איז עס אויך בלויז אין אזוינע קלייניגקייטען, אז זיי ווארפען זיך נוט אין די אויגען.

די מורא אויסצוזעהן לעכערליך איז אויך נוט אומבעגרינדעט. עס טרעפט גאנץ אפט, אז א מאן האט מוט גענוג צו וועלען זיך אנטון אנדערש, ווי אלע טוען זיך אן. לויפט מען איהם טאקע נאך, ווי א משוגענעם...

ערשט דא ניט לאנג האבען זיך אין לאנדאנער הייד-פארק בעוויזען עטליכע געוואגטע יונגעלייט אין קורצע הויזלעך, האבען זיי זיך בכיון אזוי בעוויזען אין דעם דאזיגען פארק, כדי אנדערע זאלען זיי נאכטון, און די קורצע הויזלעך זאלען ארייו אין דער מאדע. אבער אנשטאט זיי נאכצוטון, האט מען זיי אויסגעפייפט און אפילו נאכגעווארפען שטיינער...

—o—

לעזט און אבאנירט דאס
„לאדזשער
טאגעבלאט"

א געשיכטע מיט א יוד. מעדעל און א פרויען-הענדלער, וואס איז זיך פערלאפען איז ווילנע

ווילנא. — די פרטים פון דער געשיכטע, וואס איז זיך פערלאפען אין ווילנא, זענען זעהר אינטערעסאנטע און דערמאנען דעם אינהאלט פון פיל ראמאנען וועגען פרויען-האנדעל.

מיט עטליכע חדשים צוריק איז קיין ווילנא אראפּגעקומען אנ'עלעגאנטער מאנספערשוין פון א יאהר עטליכע און דרייסיג, וועלכער האט זיך פארגעשטעלט אלס א סאלידער אמעריקאנער סוחר. דער דאזיגער סוחר האט באלד בעקומען אין שטאט א גרויסע בעקאנטשאפט. פיל יונגע פרויליינס, מיט וועלכע ער האט זיך דא בעקענט, האבען אויסגעווארט אויף'ן מאמענט, ער זאל זיי פארלעגען חתונה צו האבען מיט איהם, מחמת דער אמעריקאנער האט זיך אויסגעדריקט, אז ער וואלט גערן חתונה געהאט אין ווילנא מיט א היגער פריילין און וואלט זיך דא בעזעצט.

ענדליך איז זיין אויסוואהל געפאלען אויף א יונג שעהן יודיש מיידעל, וועלכער ער האט זיך ערקלערט אין ליבע און די לעצטע האט נאך א קורצען ישוב הדעת בעשלאסען איינצושטימען אויף זיין פארשלאג. און נוכען איז טאקע פארגעקומען די חתונה.

ווען און ווי אזוי האט איהר מאן געהאנדעלט, האט די יונגע פרוי זיך נוט געקענט ביי איהם דערוויסען, זי האט אבער געזעהן, אז געלד האט ער און איהר האט זיך גאנץ גוט געלעבט. און א געוויסען טאג האט דער מאן געמאלדען זיין יונג ווייבעל, אז ער איז פאר איהר א בעל-חוב און וויל מיט איהר מאכען א לוסט-רייזע איבער דייטשלאנד און עסטרייך, וואו ער דארף, אגב, זיין געשעפטליך.

די שטויבונג פון דער יונגער פרוי זענען אפילו געווען געגען דער דאזיגער רייזע. דער מאן האט אבער געמאלדען קאטעגאריש, אז זי איז זיין פרוי און קיינער טאר זיך נוט אריינמישען אין דעם, וואס זיי ווילען טון.

בקיצור, דאס פאר-פאלק איז אוועק געפאהרען. זיי האבען זיך אפּגעשטעלט אין א פאר גרעסערע שטעט פון דער דייטשער רעפּובליק און דערנאך זענען זיי אהינגעפאהרען קיין עסטרייך און זיך אפּגעשטעלט אין ווין.

דאס יונגע ווייבעל האט בעמערקט, אז איהר מאן פיהרט קיין שום געשעפטען נוט, בעגעגענט זיך מיט פערדעכטיגע פערזאנען א. אז. וו. דאס האט אנגעפילט איהר הארץ מיט שרעק. ס'איז ביי איהר, לויט געוויסע סמנים, בולט אויפגעשוואוימען א שרעקליכער געדאנק, אז זי איז אריינגעפאלען אין די הענט פון א פרויען-הענדלער. פון דעמאלט אן איז די פערפיהרטע כסדר געזעסען אין האטעל-צימער, האט כסדר געוויינט. איהר שרעק איז נאך גרעסער געווארען, נאכדעם, ווי זי האט זיך דערוואוסט, אז אין ווין געפינט זיך א „צענטראלע" פון פרויען-הענדלער.

דער מאן האט איהר פארגעלעגט, זי זאל מיט איהם אפּפאהרען קיין האמבורג. די יונגע פרוי האט אבער געמענה'ט, אז זי וויל זיך צוריקקעהרען אהיים, זי האט מורא פאר איהם און אין געגענפאל וועט זי זיך ווענדען נאך הילף צו פּאליציי. מיט איין ווארט, דער מאן איז דאן געצוואונגען געווען זיך צוריקקעהרען מיט זיין יונגער פרוי קיין ווילנא. אפּלייגענדיג משמעות, דעם פּלאן צו פערקויפען איהר אויף שפּעטער.

וועלענדיג זי בערוהיגען, האט ער איהר דערצעהלט, אז ער האט אין ווארשא א רייכען פאטער און האט אנגעגעבען זיין נאמען.

ווען זיי האבען זיך אומגעקעהרט קיין ווילנא, האבען די שטויבונג פון דער פרוי געבעטען זייערען א בעקאנטען אין ווארשא, זי זאל זיך נאכפרעגען אויף זיין פאטער.

דערווייל האבען די שטויבונג בעמערקט, אז דער אמעריקאנער איז גאר קיין סוחר נישט. ער פערשטעהט נישט זיין פאך און ציהט חיונה פון ... דעכטיגע מקורים.

באלד איז אויך פון ווארשא אנגעקומען א ידיעה, וואס האט בעשטעטיגט און אפילו איבערגעשטיגען אלע חשדים. דהיינו — די בעקאנטע, וואס איז געפאהרען קיין ווארשא, זיך דערוויסען, האט געשריבען, אז אין אדרעסען-ביורא האט זי טאקי געפונען דעם וואוינארט פון בעל-דבר'ס פאטער. ווי ס'האט זיך אבער ארויסגעוויזען, איז דאס א קבצן שבקבצנים. ער וואוינט ערגיץ אויף א פארשטאט אין א קעלער.

ווען די פרוי איז אהין אריינגעקומען, האט זי דערזעהן פאר זיך אנ'אלטען יודען מיט א פאר טרופענדיגע אויגען, געקליידעט אין שמאטעס...

ווען זי האט זיך אנגערופען ביי איהם נאכצופרעגען אויף זיין זוהן, האט דער לעצטער מיט טרערען אין די אויגען דערצעהלט, אז ער האט עטליכע זיהן, וועלכע זענען צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט און האבען אינגאנצען פערגעסען אן זייער אלטען ארימען טאטען. דער זוהן, אויף וועמען די מאדאם פרעגט זיך נאך, האט ער ווייטער גערעדט, וואוינט ערגיץ אין בוענאס-איירעס און פערנעמט זיך מיט נוט קיין שעהנע געשעפטען...

דערווייל זענען אין קעלער אריינגעקומען עטליכע יודענעס, וועלכע האבען פערשאטען די פרוי מיט א האגעל פון פראגען.

— וואס, איהר פרעגט זיך וועגען דעם פרויען-הענדלער? וועמען האט ער שוין ווידער פערפיהרט?

ווי נאר די דאזיגע ידיעה איז אנגעקומען קיין ווילנא, איז אין שטוב געווארען חושך. איידער מען האט זיך אבער גענומען צום בעל-דבר, האט דער לעצטער געכאפּט דאס פּעקעל און איז גלייך אוועק קיין אויסלאנד. האבענדיג אין קעשענע א פארטוגאל אויסלענדישען פּאס און איבערלאזענדיג אין ווילנא א יונגע ענונה...

—o—

ד"ר בארים באגען

פון סענאטאר ד"ר צ. שאבאד.

מיט א וואך דריי צוריק איז אין אמעריקא (אין לאס אנזשעלאס, קאליפארניען) פּלוצלונג געשטארבען ד"ר ב. באגען, איינער פון די אנגעזעהענסטע טוער אויפ'ן געביט פון דער יודישער געזעלשאפטליכער פילאנטראפּיע און איינער פון די הויפּט-שליחים פון דזשאינט אין פוילען.

מיט באגענ'ען בין איך געווען בעפריינדעט נאך פון די יונגע יאהרען אין מאסקווא. אייגענטליך האט ער געהייסען קאצענעלבויגען און איז געווען א קרוב מיט די ווילנער קאצענעלבויגענס. ווי אזוי ער איז געקומען קיין מאסקווא, געדענק איך נישט. אונזער פריינדשאפט האט זיך אנגעהויבען אין אנהויב פון די ניינציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט, בעת איך האב שוין געענדיגט דאקטאר, און ער איז געווען א שילער אין דער העכערער קונסט-אינדוסטריע-שול פון סטראגאנאוו. דאס איז געווען א לעבעדיגער און פעהיגער יונגערמאן, וואס האט זיך אינטערעסירט — חוץ מיט זיין פאך — נאך דער עיקר מיט פעדאגאגיק. דאס האט איהם דערנעהנטערט מיט לעאנטי בראמסאנ'ען, וועלכער האט שוין דאן געפיהרט א ברייטע געזעלשאפטליכע ארבייט און זיך פערנומען מיט רעפארמירען די יודישע שולען. לויט דער איניציאטיווע פון באגענ'ען איז דאן איינגעארדענט געווארען א מין פעדאגאגישע קורסען פאר סטודענטען, אונטער דער השגחה פון בעקאנטען רוסישען פעדאגאג טיכאמיראוו, צו וועמען באגען איז געשטאנען זעהר נאהנט.

באגען איז פון דער נאטור געווען א גוטער ערציהער און פערשטאנען, ווי זיך צו בענעהמען מיט קינדער. ער האט דעמאלט געמאכט אנ'אינטערעסאנטען פּרוב פון פעדאגאגישע קאנסיליומס, צו וועלכע ער פלעגט צוציהען טיכאמיראוו'ן. איך געדענק אזא פאל: באגען האט געהאט א תלמיד, א קליינעם גימנאזיסט, א זוהן פון א רייכער יודישער פאמיליע. א בן-יחיד. דאס יונגעל איז געווען א פעהיג קינד, איז אבער געווען „צולאזען און האט נישט געוואלט לערנען". נאכ'ן קאנסיליום זענען די לימודים אוועק א סך בעסער צו דער גרויסער שמחה פון די עלטערן. מיט יאהרען שפּעטער איז באגענ'ס תלמיד געווארען פּראפעסאר.

פסח 1892 איז ארויס דער בערוהמטער אלערהעכסטער בעפעהל פון אלעקסאנדער דעם דריטען, לויט וועלכען אלע יודען, וואס האבען געוואוינט אין מאסקווא אויפ'ן סמך פון צירקולאר פון 1880, מוזען אין משך פון 3—6 חדשים פערלאזען מאסקווער גובערניע. דער דאזיגער גירוש האט געטראפען אויך באגענ'ען. נישט קוקענדיג, וואס ס'איז איהם געבליבען בלויז איין יאהר צום ענדיגען סטראגאנאוו'ס שול, האט ער געמוזט פערלאזען מאסקווא. ער איז דעמאלט אלט געווען א יאהר 20 און האט אקערשט חתונה געהאט מיט דער שעהנער טאכטער פון א מאסקווער איינוואוינער שאלץ, וואס האט גראד יא געהאט וואוינרעכט.

ווי שווער ס'איז נישט געווען זיין לאגע, האט די גאנצע מעשה באגענ'ען ווייניג געקימערט. און ער האט זומער 1892 מיט זיין יונגער פרוי עמיגרירט קיין אמעריקא. פון דארטען האבען מיר תחילת געהאט פון איהם גוטע גריסען. ער האט געשריבען קארעספּאנדענצען אין „ווסכאד", פלעגט קארעספּאנדירען מיט טיכאמיראוו'ן און בכלל ווי דאס רוב דעמאלטיגע רוסיש-יודישע עמיגראנטען — נאך לאנג זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דער רוסישער קולטור. שפּעטער איז ער אנגעקומען אין אנ'אמעריקאנער אוניווערזיטעט אויפ'ן פעדאגאגישען פאקולטעט און געענדיגט מיט'ן טיטעל דאקטאר.

באגען האט פערנומען אין אמעריקא וויכטיגע געזעלשאפטליכע שטעלעס און האט ארויסגעלאזט א גרויס בוך מיט אינטערעסאנטע סטאטיסטישע ידיעות אויף ענגליש וועגען דער פילאנטראפּישער טעטיגקייט פון די יודישע אנשטויס-מוציאים אין אמעריקא.

אונזערע פערבינדונגען האבען זיך אויף לאנג איבערגעריסען. און ערשט אין 27 יאהר ארום איז מיר אויסגעקומען מיט באגענ'ען זיך ווידער צו טרעפען. אין 1919 איז ד"ר באגען געקומען אין אייראפּא, אלס שליח פון דעם דזשאינט מיט גרויסע פולמאכטען און מיט גרויסע סומען געלד פאר דער נויטבעדערפטיגער יודישער בעפעלקערונג.

נישט דא איז דאס ארט אפּצושאצען די דעמאלטיגע ארבייט פון „דזשאינט". אין פוילען איז ער געווען דער גרעסטער מענש; פון איהם איז אפּהענגיג געווען דאס לעבען פון טויזענדער יודישע פאמיליעס און אינסטיטוציעס. ער האט ארומגערייזט גאנץ אייראפּא, וואו ס'האבען זיך נאר געפונען פון דער מלחמה-געליטענע יודען און אומעטום האט ער געבראכט שטיצע און נויטיגע הילף. די פערטיילונג פון די געלדער איז נאך נישט געווען ארגאניזירט דורך די ארטיגע יודישע קאמיטעטען. דער „דזשאינט" האט אין ווארשא אליין געעפענט א גרויסע ביורא, א גאנצען דעפּארטאמענט מיט גוט-בעצאהלטע בעאמטע און אומעטום געהאט זיינע בעפאלמעכטיגטע, וואס זענען נישט אלע מאל געשטאנען אויף דער נויטיגער הויך.

באגען אליין האט אויך געמאכט פעהלערען, נישט אלעמען געקאנט צופרידענשטעלען און געהאט געוויס אויך געגנער סיי צווישען די אמעריקאנער, סיי צווישען די ארטיגע טוער. דערהויפּט זענען נישט גאנץ געלונגען געווען באגענ'ס דיפּלאמאטישע ארויסטרעטונגען. מיר — נישט קוקענדיג אויף אונזערע זעהר פריינדליכע בעציהונגען און פולען צוטרוי צו מיר — האט ער געמאכט עגמת-נפש מיט זיין נישט-ריכטיגען ראפּארט וועגען די געשעהענישען אין ווילנא אין אפּריל 1919, אין וועלכען ער האט זיך געשטיצט אויף זיין געשפּרעך מיט'ן אמעריקאנער אמבאסאדאר גיבסאן און זיין געגענווארט.

ד"ר באגען איז אבער געווען א ליבער, גוטער און קלוגער מענש און עהרליכער, ענערגישער געזעלשאפטליכער טוער. מיט זיין טויט האט די יודישע געזעלשאפטליכקייט פערלוירען איינעם פון די ערפאהרענסטע און איבערגעגעבענע כלל-טוער. זיין אנדענק וועט לאנג בלייבען אין די הערצער פון די אלע, וואס זענען געקומען ווען ס'איז מיט איהם אין בערוהרונג. נישט איין הונדערט יודישע פאמיליעס וועלען מיט טיפען טרויער און דאנקבארקייט דערמאנען דעם נאמען פון ד"ר באגען.

—o—

לאָדזשער כראָניק.

עקזעקוציעס!

(—) דער מלוכה׳שער־פאָנד איז די טעג צוגעטרעטען צו אַן׳ענערגישער עקזעקוציע פון דעם געלד, וואָס קומט ביי די אונטערנעהמער פאַר די אַרבייטער־פערזיכערונגען.

די עקזעקוציעס וועלען געמאַכט ווערען דורך דער קראַנקען־קאַסע. די דאָזיגע סומען בעטרעפען ביז 100 טויזענד זל.

אַ נייע טראַמוויי־רעמיזע

(—) די טראַמוויי דירעקציע האָט בעשלאָסען בקרוב אויסצובויען אַ נייע רעמיזע אויף לאַגעווניקער־גאַס נישט ווייט פון באַלוטער־פּלאַץ. דאָס וועט שוין זיין די דריטע טראַמוויי־רעמיזע אין לאָדז.

וויכטיגע ערקלערונג פאַר די, וואָס געבען אָפּ ביטעס וועגען אַ „נאַדזאָר"

געשפּרעך מיט׳ן פּרעזעס פון דער אָפּטיילונג פאַר באַנקראָטען און "נאַדזאָרען" ביים קרייז־געריכט

די גרויסע צאָהל באַנקראָטען און „נאַדזאָרען", וואָס זענען אַ פּועל יוצא פונ׳ם איצטיגען שווערען קריזיס אין לאַנד און גאַנץ בעזונדערס אין לאָדז, האָט אונז בעוואויגען צו ווענדען זיך נאָך איינגיגע נעגויעריגע אויפקלערונגען צום וויצע־פּרעזעס פון לאָדזשער קרייז־געריכט מ. זשולקוואַ, וועלכער פערנעמט אויך דעם אַמט אַלס פּרעזעס פון דער אָפּטיילונג פאַר באַנקראָטען און „נאַדזאָרען" ביים האַנדעלס־געריכט אין לאָדז.

אונזער געשפּרעך האָבען מיר אָנגעהויבען מיט דער פראַגע, וועלכע בראַנזשען עס האָבען אַמייסטען געליטען פון קריזיס.

— אין אָנהויב פון קריזיס — איז געווען דער ענטפער — האָט זיך אַמווייטען געפּוהלט געטראָפען די זייד־בראַנזשע. דאָ האָט זיך פריהער, ווי אומעטום אָנגעהויבען צו פיהלען דער מאַנגעל אין פינאַנצען. אַביסעל שפּעטער האָט זיך שוין דער קריזיס אויך אריבערגעכאַפּט אין אַלע אַנדערע טעקסטיל־צווייגען, וואָס האָט סוף כּל סוף אויך געמוזט ווירקען אויף דעם מאַנופאַקטור האַנדעל און אויף אַלע אַנדערע נעבען־בראַנזשעס. אַמשפּעטסטען פון אַלע האָט דער קריזיס געטראָפען די זאַקען־בראַנזשע. אַזוי ווי דער קריזיס איז נאָך אויצט נישט פערביי, קאָן מען נאָך אויצט כּלל נישט וויסען, וועלכע בראַנזשע עס וועט זיין די לעצטע.

— צי זענען די „נאַדזאָרען" — פרעגען מיר ווייטער — גילטיג נאָר פאַר די גרעסערע פירמעס אָדער זיי קענען אויך דינען אַלס רעטונגס־מיטעל פאַר די קלענערע פירמעס?

לויט מיין מיינונג איז דאָס געזעץ אין די ווירטשאַפטליכע טעמים דערפאַר, אַז אין דער פראַגע זאָל נישט געמאַכט ווערען קיין אונטערשייד פון די גרעסערע און קלענערע פירמעס. ווען אַ קליינע, אָבער ערהרענהאַפטע פירמע, וועלכע האָט געגוג מיטלען וויל זיך מיט עהרע ראַטעווען פון אַ באַנקראָט, טאָר איהר דאָס געריכט בשום אופן נישט אָפּזאָגען דערין. דאָס לאָדזשער האַנדעלס־געריכט האָט דערווייל ביז אויצט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישען קליינע און גרעסערע פירמעס.

— צי זענען נישט ביז אויצט פאָרגעקומען קיין מיסברויכען ביי „נאַדזאָרען".

— אין אָנהויב זענען אַזעלכע מיסברויכען פאָרגעקומען, אָבער איצט שטעהט מען שוין גוט אויף דער וואַך, אַז אַזעלכעס זאָל נישט פאָרקומען.

— צי זענען ביי די „נאַדזאָרען" אויך געמאַכט געוואָרען אַזעלכע מיסברויכען, כּדי דאָס געשעפט אויך צו פערהיטען פון די קלענסטע הזיקות?

— דאָס איז שווער פעסטצושטעלען, ווייל דער ווערט פון אַ סחורה־לאַגער איז זעהר פיל אָפּהענגיג פון די קאָניונקטור־וואַקלונגען.

— דאַרף מען אויך אויפגעבען אין אַ בּיטע וועגען אַ „נאַדזאָר" אויך די סומעס פון די זשורירטע וועקסלען.

— געוויס, אַזוי איז עס לוי׳ן געזעץ. פון ווירטשאַפטליכען שטאַנדפּונקט איז עס אויך זעהר געוואונשען. עס קען זיך דאָך טרעפען, אַז דער אויסשטעלער זאָל דעם וועקסעל נישט אויסלייזען און דער זשורנאַט וועט איהם דאַן מוזען אויסקויפען.

— צי דאַרפען די זאַך־פערשטענדיגע, וועלכע ווערען פון געריכט דעלעגירט אויספאָרשען די אונטערנעמונג, אויך אַנוואַרפען אַ סאַנירונגס־פּלאַן?

— ניין, זייער אויפגאַבע בעשטעהט נאָר אין אויספאָרשען דאָס געשעפט אויפ׳ן גרונד פון די געריכטס־אַקטען און די מאַטעריאַלען, וואָס זענען פאָרגעשטעלט געוואָרען דורך דער פירמע. דעם סאַנירונגס־פּלאַן דאַרף דער פּעטענט אַליין אויפשטעלען, אַזוי ווערט פאָרלאַנגט אין דער פעראָרדנונג וועגען „נאַדזאָרען".

— צי איז דער סאַנירונגס־פּלאַן פון דעם פּעטענט פערפליכטענד פאַר׳ן געריכטס־אויפזעהער?

— ניין, ווייל דער סאַנירונגס־פּלאַן איז דאָך פיל אָפּהענגיג פון דער קאָניונקטור, וואָס ענדערט זיך אַזוי אָפט.

צי איז דער געריכטס־אויפזעהער פאַרפליכטעט צו דעקען די חובות פון די הכנסות, וואָס קומען אַריין אין געשעפט אין דער צייט, ווען דער טערמין פונ׳ם נאַדזאָר האָט זיך נאָך נישט געענדיגט?

— פערפליכטעט דערצו איז ער נישט, אָבער רעכט האָט ער אַזוי צו האַנדלען און פון ריין ווירטשאַפטליכען שטאַנדפּונקט איז טאַקע זעהר געוואונשען, אַז די חובות זאָלען זיך פערקלענערן.

— אין וועלכע פאַלען ווערט אָפּגעלעגט די עקזעקוציעס, וואָס זענען גראַד בעשטימט געוואָרען אויף דער צווישען־צייט פון אָפּגעבען די ביטע וועגען „נאַדזאָר" ביז דער ענדגילטיגער ערלעדיגונג?

— דער פּרעזיצער פון דער אָפּטיילונג פאַר באַנקראָטען און „נאַדזאָרען" לעגט זעהר זעלטען אָפּ די עקזעקוציעס פון קאָמאָרניק. עס ווענדעט זיך אין דער „אָפּיניע" פון די זאַך־קענער אָדער, ווען דער בילאַנס פון דער פירמע גיט אַ גאַראַנטיע, אַז די אונטערנעמונג האָט געגוג צאָהלונגס־מיטלען. אין דערביי האַנדעלט עס זיך, וועגען „ווירקליכע איינגענע מיטלען" און נישט די אַזוי גערופענע „רעכנונגס־מעסיגע אַקטיוו־פּאַסיווען".

— וואָס איז דער אונטערשייד צווישען די צוויי טערמינען? אין „אַקטיוו־פּאַסיווען" ווערען זעהר אָפט אַריינגערעכנט אַזעלכע פּאָזיציעס, וואָס האָבען נישט קיין בעשטימטען ווערט. צ. ב. פאַר מלחמה־היפּאָטעקען, וואָס זענען נאָך ביז אויצט נישט וואַלאָריזירט געוואָרען. דאָס גלייכען איז אויך מיט דעם פּאַרטעפעל קונדישע פּראָטעסטען.

צום סוף געהען מיר איבער צו די באַנקראָטען און בעטען פון פּרעזעס זשולקאָוו אַן׳ערקלערונג, ווען דאָס געריכט גיט אַרויס אַ פעראָרדנונג צו אַרעסטירן דעם באַנקראָטירטען סוחר?

אין אַלע פאַלען, ווען עס איז נאָר דאָ אַ חשד, אַז ער האָט זיין פערמעגען בעהאַלטען.

א. א.

שרפה אין אַ פאַבּריק

(—) פרייטאָג אָוונד איז אויסגעבראָכען אַ שרפה אין קאַנטאָר פון ס. ראַפּמאַנ׳ס פאַבּריק ציגעל־גאַס 39. די אַרבייטער האָבען פערלאָשען דאָס פייער נאָך איידער עס זענען אָנגעקומען די פייער־לעשער.

היינט קומט פאָר אין העלענאָוו דאָס גאָרטען פעסט פון „בר־כוכבא"

היינט קומט פאָר אין העלענאָוו אַ גאָרטען־פערוויילונג פערבונדען מיט אַ טורן־ און ספּאָרט־פעסט, וועלכע עס אָרדענט איין זייט איינגיגע יאָהר דער יודישער טורן־ און ספּאָרט־פעראיין „בר־כוכבא". „בר־כוכבא", וועלכע איז דער פּיאָנער פון דער יודישער ספּאָרט און טורן־בעוועגונג פון געוועזענעם קאָנגרעס פוילען, קאָן מען ביי אַזאַ שווערע מאַטעריעלע לאַגע נישט לאָזען אונטערגעהן. דאָס יודישע לאָדז מוז זיך וואַרעמער אָפּרופען אויף „בר־כוכבא׳ס" רוף.

כּדי זיך צו שאַפען די מעגליכקייט פון אַ ווייטערער עקזיסטענץ, אָרדענט „בר־כוכבא" היינט איין די גאָרטען־פערוויילונג מיט אַ רייכען ספּאָרט־פּראָגראַם, ווי גימנאַסטישע איבונגען, באָקס־קאַמפען, פראַנצויזישע רינג־קאַמפען, וועלכע וועלען פאָרקומען אונטער דער אויפזיכט פון יודישען גבור זעלינג פּאַשאָף, געווינס הויבען מיט׳ן אָנטייל פון די פּוילישע מייסטער, גליקס־ראַד, פּאַנטאָמימען, לאָטעריע, און פייערווערק. די גאַנצע צייט וועלען שפּילען 2 אָרקעסטערס, ביי דעם גרויסען גאָרטען און ספּאָרט אין טורן־פעסט, דאַרף קיין איין יוד נישט פעהלען, כּדי מיט זיין אונטערשטיצונג צו געבען „בר־כוכבא" די ווייטערע עקזיסטענץ מעגליכקייט.

ווען איהר געהט אריבער די גאַס

קוקט מיט אָפענע אויגען; איהר קענט בלייבען אַן׳אייביגער קאַליקע אָדער גאָר געפינען דעם טויט

היט זיך, מען זאָל אייך נישט איבערפאָהרען.

לאָדזשער סוחר פערשוואונדען געוואָרען אויף אַ געהיימניספולען אופן!

(§) די לאָדזשער פּאָליציי האָט בעקומען אַ ידיעה, אַז דער לאָדזשער סוחר הערמאַן דייכנער איז די טעג פערשוואונדען געוואָרען אויף אַ געהיימניספולען אופן.

דייכנער האָט זיך ערשט מיט אַ קורצע צייט געבּרעגט צו ציהען פון לאָדז. מיט אַ פּאָאַר טעג צוריק האָט ער געזאָגט זיין פרוי, אַז ער פאָהרט אַרויס געשעפטליך קיין דאָמבּראָווע, וואו ער וועט פערברענגען עטליכע טעג.

די פרוי האָט אויף איהם געוואַרט אַ גאַנצע וואָך און זעהענדיג, אַז ער קומט אַלץ נישט צוריק, האָט זי אָנגעפרעגט ביי די דאָמבּראָווער בעקאַנטע סוחרים די סבה פאַר וואָס איהר מאַן זוימט זיך דאָרט אַזוי לאַנג.

פון דאָמבּראָווע האָט מען איהר אָבער געענטפערט, אַז ער איז דאָרט בכלל נישט געוועזען און קיינער האָט איהם דאָרט נישט געזעהן. אַ שטאַרק בעאונרוהיגטע האָט די פרוי דערוועגען געמאָלדען וועגען דעם ענין דער פּאָליציי, וועלכע האָט אונטערגענומען אַן׳ענערגישע אויספאָרשונג וועגען דעם רעטזעלהאַפטען ענין.

דייכנער האָט מיט זיך גענומען אַ גרויסע סומע געלד און דערווייל איז דאָ אַ פערדאַכט, אַז מען זאָל איהם האָבען ערגיץ־וואו ערמאָרדעט.

פאַר׳ן אַריינציהען אין מיליטער

וועלען די פּאָבּאָראָווע נאָכאַמאָל שטעהן פאַר אַ קאָמיסיע

(—) דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט פאָראָנדערגעשיקט צו אַלע וואָיעוואָדשאַפטען אַ צירקולאַר וועגען אַ נייעם איבערזוכען פון די פּאָבּאָראָווע איידער זיי ווערען אַריינגעצויגען אין מיליטער.

אין פאַל ווען די פּאָבּאָר־קאָמיסיע שטעלט פעסט, אַז פאַר דער צייט וואָס דער פּאָבּאָראָווע איז אָנערקענט געוואָרען פאַר דינסט־פעהיג ביז ער ווערט אַריינגעצויגען אין מיליטער איז ער קראַנק געוואָרען, צי ער האָט בעקומען עפּעס אַ פעהלער, ווערט דער פּאָבּאָראָוועץ בעפרייט אָדער ער בעקומט אַ אַנדערע קאַטעגאָריע.

צוליב דעם, וואָס געגען אורטייל פון דער פּאָבּאָר־קאָמיסיע קאָן מען נישט אַפּעלירען, ווערען די בעשלוסען פון די פּאָבּאָראָווע, אַז זיי זענען דורך דער דאָקטוירים־קאָמיסיע נישט ווי געהעריג אונטערזוכט געוואָרען, נישט גענומען אין אַכט.

באַקטעריאָלאָגישע אַנשטאַלט וועט מאַכען אַנאַליזען פון מילך,

וואָס ווערט אַריינגעפיהרט קיין לאָדז.

ביי דעם שטאָטישען באַקטעריאָלאָגישען לאַבּאָראַטאָריום איז געעפענט געוואָרען אַן׳אָפּטיילונג, וואָס וועט האָבען די אויפגאַבע צו מאַכען אַן׳אַנאַליז פון מילך, צי זי ענטהאַלט נישט קיין באַצילען פון טובּערקולאָזע און פון בויך־טיפוס. דאָס איז די ערשטע אינסטיטוציע פון דעם מין אין פּוילען.

עס איז אומעגליך צו צאָהלען 5 פּראָצ. עקזעקוציע־קאָסטען פון די פערלעגענע שטייערן.

מעמאָריאַל פון לאָדזשער האַנדעלס־קאַמער צום האַנדעלס־מיניסטעריום.

(—) ווי בעוואוסט, צאָהלט מען פאַר אָפּשלעפען די שטייער־צאָהלונגען צוזאַמען מיט די עקזעקוציע קאָסטען 5 פּראָצענט פון דער סומע, וואָס דער שטייער בעטרעפט. לויט אַ שפּעטערע פעראָרדנונג פון פּרעזידענט איז די שטראָף פאַר אָפּשלעפען פערקלענערט געוואָרען פון 4 פּראָצ. אויף 2 פּראָצ. אָבער די עקזעקוציע־קאָסטען זענען געבליבען די זעלבע וואָס פריהער.

די טעג האָט די האַנדעלס־קאַמער אָפּגעגעבען אַ מעמאָריאַל אין מיניסטעריום, אין וועלכען עס ווערט געפאָדערט דעם ענין צו רעגולירען אויף פאָלגענדען אופן:

1) אין די פאַלען, וואו די עקזעקוציע איז בעגרענצט אָדער אונגאַנצען אונטערגענומען געוואָרען, זאָל מען אונגאַנצען בעפרייט ווערען פון די עקזעקוציע־קאָסטען אָדער טיילווייז זי פערקלענערן.

2) אויב דער שטייער־צאָהלער צאָהלט איין דעם פערלעגענעם חוב איידער מען האָט געמאַכט דעם פּראָטאָקאָל פון דער זאַיעמשאַ, זאָל ער אונגאַנצען בעפרייט ווערען פון די עקזעקוציע־קאָסטען און

3) אויב דער שטייער ווערט איינגעמאָהנט אויף אַ צוואַנגס־אופן און דער שטייער־צאָהלער האָט אַריינגעטראָגען אַ רעקורס, זאָלען די עקזעקוציע־קאָסטען גענומען ווערען פון דער נישט שטרייטבאַרער סומע ביז עס וועט קומען די דעציזיע פון דער אַפּעלאַציע־קאָמיסיע.

יודיש טעאַטער אין פילהאַרמאָניע זאַל — נייער טעאַטער 20 —

אונטער דער לייטונג פון א. ביין

◄ 5 לעצטע געזעגענונגס־פאָרשטעלונגען

פון קינסטלער־פּאָאַר פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער

מאָריס לאַמפּע

און די זינגערין

פאַניאַ מענדעלעוויטש

— מיט׳ן אַנטייל — פון וואַרש. קאָמיקער **א. אייזענבערג**

היינט זונטאַג, דעם 4־טען 9 אָוונד פּרייזען פון 50 גר. ביז 2 זל.

טוביה דער מילכיגער

אין 4 אַקטען פון שלום עליכם הויפּט־ראָל טוביה — מ. לאַמפּע

מאָרגען, מאָנטאַג, דעם 5־טען אויגוסט 9 אַ זייגער אָוונד

200.000 אין 4 אַקט. פון פאָלקס־שרייבער שלום עליכם מיט געזאַנג. שימעלע סאָראָקער מ. לאַמפּע — פּרייזען פון 50 גראָשען ביז 2 זל.

דינסטאַג, דעם 6־טען אויגוסט 9 אַזייגער אָוונד — לעצטע געזעגענונגס־פאָרשטעלונג

גרויסער ערפאָלג שלום עליכם׳ס **טוביה דער מילכיגער** גרויסע קאָמעדיע

אין 4 אַקטען מיט געזאַנג הויפּט־ראָל טוביה מ. לאַמפּע

צום שלום! צום שלום!

מאָריס לאַמפּע אַלס משוגענער בטלן — פון — י. ל. פּרץ

עס נעמט אַנטייל דאָס גאַנצע פּערסאָנאַל

בילעטען אויף אַלע פאָרשטעלונגען צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע

גנבות

(§) פרייטאָג ביינאַכט האָבען זיך גנבים אַריינגעקריגען אין דער וואוינונג פונ׳ם סוחר שלמה קאַפּעלושניק, זאַקאָנטנאַ 71 און צוגעגנב׳עט מלבושים און ווערט־זאַכען אויף אַ סומע פון 6 טויזענד זל.

• • •

אין דער זעלבער צייט האָבען זיך גנבים אַריינגעקריגען אין טאַבּאַק־געשעפט פון העלענע אַ קוליגאָווסקאַ (6. שערפּינגאַס 18) און צוגענבעט ציגאַרען, פּאַפּיראָסען אין טיטון אינ׳ם ווערט פון 1 טויזענד זל.

פאַרוואָס וויל מען אין אַמעריקאַ נישט דאַווענען?

די בעוועגונג צו רעפאָרמירען דעם „סדור". — קוריאָזע פונ׳ם לעבען פון די "גאָ"ים" יודען, וואָס פאַסטען נישט אום יום־כפור, נאָר היטען אָפּ יאָהרצייט.

[illegible] אַמעריקאַ ווערט איצט דערוועקט [illegible] וואָס איז שוין, דוכט זיך, הונדערט יאָהר אַראָפּ פון סדר־היום: די פראַגע פון רעפאָרמירען דעם סידור. פערשטעהט זיך, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען ענגלישען סידור פון די רעפאָרם־סינאַגאָגעס און טעמפּלען.

די רעפאָרם איז געבראַכט געוואָרען קיין אַמעריקאַ, ווי בעקאַנט, דורך די דייטשע יאַהודים. זייערע ראַבּינערים האָבען אויך מיטגעבראַכט פון דייטשלאַנד פערטיגע סידורים און מ׳קען זאָגען, אַז יעדע שוהל האָט אַן׳איינגענעם סידור.

אין יאָהר 1894, מיט 36 יאָהר צוריק, האָבען די אַמעריקאַנער ראַבּאַי׳ם געשאַפען אַ „צענטער" און אַרויסגעגעבען אַן׳איינהייטליכען סידור. אין יאָהר 1918 איז דער סידור רעפאָרמירט געוואָרען צום ערשטען מאָל און אין יאָהר 1921 צום צווייטען מאָל. אַ טייל תּפילות זענען אַרויסגעפאַלען, אַ טייל איבערגעזעצט. איצט שטעהען מיר פאַר אַ דריטער „רעדאַקציע"...

(אַ בריף פון ניו־יאָרק)

די סבה דערפון איז פאָלגענדיגע:

אין משך פון די לעצטע 9 יאָהר האָבען די יודען אין אַמעריקאַ אויסגעגעבען קרוב הונדערט מיליאָן דאָלאַר אויף אויסצובויען גרויסאַרטיגע טעמפּלען און סינאַגאָגעס, אָבער מ׳קומט אין זיי ווייניג, הגם די צאָהל מיטגלידער פון די רעפאָרם־טעמפּלען אין אַמעריקאַ בכלל רעכענט זיך איבער אַ האַלבען מיליאָן... 50 פּראָצענט פאַסטען נוט יום־כפור, הגם 90 פּראָצענט היטען אָפּ יאָהרצייט...

באַלד נאָכדעם איז אין סאַן־פראַנציסקאָ פאָרגעקומען אַ גרויסע רעפאָרם־פערזאַמלונג, וואו ס׳האָבען זיך בעטייליגט נאָר גרויסע גבירים. איז געקומען צו רייד וועגען דער דאָזיגער ערשיינונג און ס׳איז געבליבען, אַז די סבה איז, ווייל דער סידור טויג נישט. האָט מען אויסגעקליבען אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט פאָרגעלייגט פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט די רעפאָרם־ראַבּאַי׳ם וועגען „רעווידירען" דעם סידור.

איצט ערשט איז אין דעטראָיט, אויף דער גרויסער קאָנפערענץ פון די רעפאָרם־ראַבּאַי׳ם דיסקוטירט געוואָרען די סידור־פראַגע.

אין דער דיסקוסיע האָבען זיך אַרויסגעוויזען דריי שטרעמונגען.

איין שטרעמונג האָט געטענה׳ט, אַז דער רעפאָרם־סידור איז צו אַלט, צו יודיש, פאַרוואָס עפּעס דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב און נישט פון אַלע מענשען? און וואָס הייסט עפּעס „דיין פאָלק ישראל"? ס׳איז דאָך אַתּה בחרתנוזם! ס׳דאַרף זיין אַ אוניווערסאַלער גאָט פון דער גאַנצער וועלט און פון דער גאַנצער מענשהייט! חוץ דעם איז אויך די ענגליש צו נאָהענט צו העברעאיש. וואָס איז עס פאַר אַ לשון: „מיין האַרץ איז דערהויבען צו גאָט"? ס׳דאַרף זיין אַ מעהר מענשליכע שפּראַך! היינט ווי קען מען זאָגען, ביים אויסנעמען דעם ספר „תּורה צוה לנו משה", בעת די ביבעל־קריטיקער האָבען שוין לאַנג „בעוויזען", אַז נוט משה רבינו, נאָר אַנדערע האָבען געשריבען די תּורה!...

אַ צווייטע גרופּע האָט געטענה׳ט: די תּפילות זענען צו קאַלט, צו טרוקען. נוטאָ אין זיי קיין פּאָעזיע, קיין מיסטיק. מ׳מוז האָבען נייע תּפילות מיט אַ נייעם רעליגיעזען ברען און גלויבען, מעהר פּאַטעטישקייט און מיסטיציזם!

בעזונדערס אינטערעסאַנט זענען געווען די טענות פון דער דריטער גרופּע. די דאָזיגע ראַבּאַים האָבען אויסגעדריקט די מיינונג פון אַ סך טעמפּעל־דאַווענערס. זיי האַלטען, אַז דער סידור איז צו... סאָציאַליסטיש, צופיל נעמט ער זיך אָן די קשיות פון די שוואַכע און אונטערדריקטע, וואָס שטימט אינגאַנצען נישט מיט דער אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָגיע...

ספּעציעל האָבען זיי פּראָטעסטירט געגען איין נייער ענגלישער תּפילה, וואָס איז אַריינגעשטעלט געוואָרען אין סידור מיט 9 יאָהר צוריק.

פאַרהאַן צווישען די רעפאָרם־ראַבּאַים אַ גרופּע אָנהענגער פון סאָציאַלע רעפאָרמען, כּמעט סאָציאַליסטען, אונטער דער פיהרונג פון ראַבּאַי סטיפען גאָלדענסאָן פון פּיטסבּורג. האָבען זיי אין יאָהר 1921 אויסגעפּועל׳ט, אַז ס׳איז אין סידור אַריינגעשטעלט געוואָרען אַ גרויסע יום־כפור תּפילה, וואו ס׳געפינען זיך אַזעלכע שטעלען:

„אונזערע אבות האָבען שטענדיג ביים פּאַטרוירט מיט די לייד: פון די האַרעפּאַשניקעס. געזעצגעבערס און נביאים האָבען כסדר געוואָרענט, אַז רייכטום און מאַכט קענען האַרטעווען דעם מענשען, ער זאָל נוט פילען די נויט און פּיין פון אַנדערע מענשען. מ׳האָט אונז דערמאָנט, מיר זאָלען קיינמאָל נישט פערגעסען, אַז מיר זענען אַמאָל געווען שקלאַפען אין מצרים. אַרבייט איז דער תּוך פון מענשענס לעבען. קיין זאַך קומט נישט אויף דער וועלט פּאַרטרינג [?] א. אַז. וו.

„ווען מענשען האַנדלען יושר׳דיג צווישען זיך, קומט דערפון אַרויס אַזוי פיל גוטס אין די גאַנצע וועלט ווערט דערפון רייכער. ווען אָבער איינער עקספּלאָאַטירט דעם צווייטען, דע מאַלט מוז דערפון אַרויסקומען שנאה, מחלוקת און געוואַלד־מעשים".

האָט אַ ראַבּאַי פון אַ רייכען טעמפּעל אין לאָס אַנדזשעלעס זיך מודה געווען אויף דער דעטראָיטער קאָנפערענץ, אַז זיינע דאַווענערס ווילען די תּפילה נישט זאָגען, ווייל דאָס איז גאַרנישט קיין תּפילה צום רבונו של עולם, נאָר פּשוט אַזוי עפּעס אַ ראַדיקאַלער מאמר וועגען זאַכען, וואָס מ׳וויל גראַד יום־כפור נוט האָבען אין זינען...

אַזוי, צי אַזוי, די דעטראָיטער קאָנפערענץ האָט בעשלאָסען רעווידירען דעם סידור און האָט אויסגעקליבען דערויף אַ ספּעציעלע קאָמיסיע.

דערביי איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען וועגען אַ פראַגע, וואָס איז אויף דער קאָנפערענץ גראָד עפנטליך נוט בעהאַנדעלט געוואָרען: די פּראָבּלעם פון ציון:

ס׳איז בעוואוסט, אַז ביי די ערשטע רעפאָרמאַטאָרען, גייגער און אַנדערע, זענען די ערשטע קרבנות געפאַלען ציון ווירושלים און אַלע משיח־תּפילות. היינט איז אַ פאַקט, אַז העכער 20 פּראָצענט פון די טעמפּעל־דאַווענערס זענען ציוניסטען און זייער צאָהל האַלט אין וואַקסען. דער צופלוס פון די מזרח־אייראָפּעאישע יודען אין די טעמפּלען איז גרויס. אויך די רעפאָרם־ראַבּאַים זענען ס׳רוב ציוניסטען, אָדער סימפּאַטיקער פון ציון. די נוט־ציוניסטען ווידער זענען פערקאַכט אין דער פערברייטערטער אַגענץ און זענען גרייט צו אַרבייטען פאַר דער יודישער נאַציאָנאַלער היים.

האָט מען אין די קולוארען פון דער קאָנפערענץ גאַנץ שטאַרק גערעדט וועגען דעם און ס׳האָבען זיך געפונען ראַבּאַים, וואָס האָבען געהאַלטען, אַז מען וואָלט געדאַרפט צוריק אַריינשטעלען אין סידור דעם „ותחזנה עינינו", כּדי צו דערוועקען ביים עולם, בעזונדערס ביי די יוגענטליכע דעם סענטימענט פאַר ארץ ישראל. די איבריגע האָבען אָבער געהאַלטען, אַז ביי זייערע גרעסטע סימפּאַטיעס צו ארץ ישראל האָט אָבער די פראַגע נוט קיין שייכות מיט׳ן סידור און מיט די תּפילות; ס׳איז אַ ריין געזעלשאַפטליכער ענין.

אינספּעקציע פון דער מיניסטעריאַל-קאָמיסיע איבער די הייזער אויף פאַלעשיע

גרויסע ענדערונגען אויף די פּאָסטענס אין מאַגיסטראַט.

(§) נעכטען פאַרמיטאָג האָט די מיניסטעריאַל-קאָמיסיע געמאַכט אַ גענויע אינספּעקציע איבער די נייגעבויטע הייזער אויף פאַלעשיע. די אינספּעקציע האָט געדויערט ביז 12 מיטאָג און דערנאָך איז די קאָמיסיע צוריקגעקעהרט און מאַגיסטראַט פאָרגעזעצט די אַרבייט. ווי מען גיט איבער וועט די לוסטראַציע דויערן נאָך אַ צוויי, דריי טאָג און דערנאָך וועט זי באַאַרבייטען אַ ברייטען ראַפּאָרט וועגען דער ווירטשאַפט און דער לאָדזשער זעלבסטפערוואַלטונג.

* * *

(ב) די איצטיגע מיניסטעריאַל-קאָמיסיע פערנעמט זיך נאָר, ווי בעוויזען מיט דער לוסטראַציע פון דער שטאָטישער בוי-אַקציע און מיט דער זעלבער פערוואַלטונג. ווי בעוואוסט איז אָבער שוין אויך פריהער געווען אַ מיניסטעריאַל-קאָמיסיע, וועלכע האָט זיך פערנומען מיט דער פראַגע וועגען בעזעצען די פּאָסטענס אין מאַגיסטראַט און וועגען די בודזשעט-ענינים.

די קאָמיסיע האָט שוין איצט פאַר-ענ-דיגט איהר אַרבייט און אַלס רעזולטאַט פון דער לוסטראַציע וועלען וואַרשיינליך פאָרקומען גרויסע ענדערונגען אויף די פּאָסטענס אין מאַגיסטראַט. אַזוי, למשל זאָל די קאָמיסיע האָבען פעסטגעשטעלט אַז עס זענען דאָ צופיל העכערע בעאַמטע אין דער צייט, וואָס די צאָהל נידריגע בעאַמטע איז זעהר קליין און דעריבער לאַדט זעהר פיל דער אַדמיניסטראַציע-אַפּאַראַט. אויך זאָל די קאָמיסיע האָבען פעסטגעשטעלט, אַז אַ טייל העכערע בעאַמטע האָבען נישט די געהעריגע קוואַליפיקאַציעס צו פערנעמען אַזעלכע פּאָסטענס. צוליב די זעלבע טעמים וועט וואַרשיינליך פאָרגעלעגט ווערען דעם מאַגיסטראַט צו מאַכען אַ רייהע ענדערונגען אין בעזונדערס אין בעאַמטען-שטאַב. עס זאָלען אויך ווערען געשטראָכען אַ גאַנצע רייהע פּאָזיציעס אין בודזשעט.

אַ פרוי מיט אַ פערבלוטיגטע האַק

די האַק האָט זי אַרויסגעכאַפּט פון מאַנ'ס האַנט, ווען ער האָט זי געוואָלט דערהרג'ענען

(—) פרייטאָג אָוועט האָבען די אינוואוינער אויף נצוואַט געזעהן, ווי אַ צעבלוטיגטע פרוי לויפט איבער דער גאַס מיט אַ האַק אין דער האַנד און נאָך איהר לויפט נאָך אַ קליין יונגעל מיט אַ געוויין. בײַם רוג פּעטריקאַווער האָט זי אַ פּאָליציאַנט אָפּגעשטעלט און דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס איז די פרוי פון אַ בעוואוסטען אַוואַנטורניק סמאָלאַרעק, שענקעוויטשאַ 71, וועלכער האָט שטענדיג געקוועלט דאָס ווייב אויף אַ שרעקליכען אופן. פרייטאָג אָוועגד האָט ער געכאַפּט צו דער פרוי די האַק און איהר אַ זעץ געטאָן איבערן קאָפּ. די פרוי אַ פערבלוטיגטע, האָט נאָך בעוויזען אַרויסצונעמען די האַק פון דער האַנד און אַרויסצולויפען אויף דער גאַס. סמאָלאַרעק איז געוואָרען אַרעסטירט.

בלוטיגע נקמה פון אַ ריוואַל

(§) אין דאָרף סמושאַלאַוו הינטער לאָדז איז נעכטען פאָרגעקומען אַ גרויזאַמער מאָרד. דער 22-יעהריגער מויראַנסקי האָט דערשאָסען צום טויט זיין חבר וויערזבינסקי. די סבה פון דעם מאָרד איז געווען איפערזוכט, ביידע האָבען זיך געליבט אין איין מיידעל. מויראַנסקי איז אַרעסטירט געוואָרען.

הויפּט-דירעקטאָר פון פאָרד'ס פאַבריקען קומט קיין לאָדז

(§) מיסטער סענדערסאָן, דער גענעראַל-דירעקטאָר פון פאָרד'ס פאַבריקען אין דעטרויט געפינט זיך שוין זייט עטליכע טעג אין וואַרשא, און ווי מיר דערוויסען זיך, איז ער געקומען קיין פוילען אויסצובויען דאָ אַ גרויסע מאָנטאַזש-פאַבריק לויט'ן מוסטער פון דער פאַבריק, וואָס עס האָט אויפגעבויט די „דזשענעראַל מאָטאָרס קאָמפּאַני". פאָרד'ס מאָנטאַזש פאַבריק וועט זיך וואַרשיינליך געפינען בײַ דער גרענעץ פון דער אויבערשלעזישע וואָיעוואָדשאַפט, נאָהענט פון די גרויסע קוילען-הוטעס.

מיסטער סענדערסאָן קומט די טעג צו פאָהרען קיין לאָדז. וויל ער וויל זיך בעקענען מיט דעם טעקסטיל-אינדוסטריע-צענטער אין פוילען.

חתנים און כלות!

איידער איהר געהט חתונה האָבען, געהט אין דער שטאָטישער בעראַטונגס-שטעל.

(מ) אין לאָקאַל אויף גדאַנסקאַ 63 איז נעכטען געעפענט געוואָרען די ערשטע שטאָטישע מעדיצינישע בעראַטונגס-שטעל פאַר די, וואָס נעהמען חתונה האָבען. די אויפגאַבע פון דער בעראַטונגס-שטעלע איז צו געבען מעדיצינישע עצות די פערזאָנען, וואָס האַלטען זיך בײַם איינאָרדנען אַ פאַמיליען-לעבען.

די קאַנדידאַטען אויף חתונה האָבען וועלען אונטערזוכט ווערען פון דאָקטוירים, צי זיי לײַדען נישט פון אַזעלכע קראַנקהייטען, וואָס רופען זיך שלעכט אָפּ אויף'ן שפּעטערן געזונט פון דער פאָלק און אויף דעם קומענדיגען דור.

דער לייטער פון דער בעראַטונגס-שטעלע איז ד"ר סקושעוויטש.

היינט אַ אָפּצייכען-טאָג אויף די זומער-וואוינונגען לטובת דעם קרן-קימת.

היינט, זונטאָג, קומט פאָר אויף דער לינייע וואַשניאַוואַ-גורא, אַ אָפּצייכען-טאָג לטובת דעם קרן-קימת לישראל.

צו דער אַרבייט פון אָפּצייכען-טאָג האָט זיך געשטעלט די גאַנצע נאַציאָנאַל געשטימטע יוגענד, וועלכע וואוינט אויף דער לינייע און אויך אַ גרויסע צאָהל פון עלטערע אָנגעזעהענע ציוניסטישע עסקנים. עס איז צו האָפען, אַז די יודישע בעפעלקערונג אין וואַשניאַוואַ-גורא וועט נישט פערגעסען איהר פליכט פאַר ארץ ישראל און וועט בײַשטייערן מיט אַלע מעגליכקייטען, אַז דער אָפּצייכען-פערקויף זאָל ענדיגען מיט אַ געהעריגען ערפאָלג.

8-טובג!

דאָס

לאָדזשער טאָגעבלאַט

בעקומט מען טעגליך 6 אַ זייגער פריה

אין אַלע באַהן-קיאָסקען

„רוך"

(„Ruch")

צוריקגעצויגענע באַנקנאָטען קענען נאָר אויסגעטוישט ווערען

(—) דעם 31 יולי איז אָפּגעלאָפען דער טערמין פון אויסטוישען די צוריקגעצויגענע דורכ'ן באַנק-פּאָלסקי באַנקנאָטען פון זלאָטיס 5, 10, 20 און 50 זלאָטישײַנען פון דער אַלטער עמיסיע.

נישט קוקענדיג דערויף וואָס דער טערמין איז שוין אָפּגעלאָפען וועלען די קאַסעס פון באַנק-פּאָלסקי אויך אויסטוישען די דערמאָנטע באַנקנאָטען פערזאָנען וואָס וועלען אָפּגעבען אַ גענויע מאָטיווירטע ביטע אַז זיי האָבען דאָס ביז איצט נישט געקענט טון.

יודישע שילער אין ניו-יאָרק אַדאָפּטירען שילער פון „אָרט"-שולען אין אייראָפּע

ניו-יאָרק. — די אַדאָפּטאַציע-אַקציע בײַ דעם ניו-יאָרקער „אָרט"-קאָמיטעט האָט אין דער לעצטער צייט אַנטוויקעלט אַ גרויסע טעטיגקייט.

דער צוועק פון אָט דער אַדאָפּטאַציע-אַקציע איז צו געפינען צווישען די פערמעגליכע קרייזען פון'ם אַמעריקאַנער יודענטום אַזעלכע „אַפּוטראָפּסים", וואָס זאָלען אויף זיך נעמען צו שטיצען די יתומים-קינדער אין די „אָרט"-שולען אין אייראָפּע, אַז זיי זאָלען האָבען די מעגליכקייט צו פערענדיגען זייער קורס און ווערען גוטע, קוואַליפיצירטע האַנטווערקער. דעם הייסט, אַז אַ בעשטימטער יתום זאָל בעקומען 50 דאָלאַר אַ יאָהר אויף עסען, קליידער, שולוואַרג און שכר-לימוד, ביז ער וועט ענדיגען די שולע.

דאָס קאָנען נישט בלויז פערמעגליכע יחידים. גאַנצע גרופּעס, אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפטען קענען אויף זיך נעמען אויסצוהאַלטען אַ בעשטימטע צאָהל יתומים. דער געוועזענער יתום קאָן בעשטימט ווערען פון דעם אַפּוטראָפּס גופא.

סך-הכל זענען שוין אין אַמעריקא אַדאָפּטירט געוואָרען אויף אַזאַ אופן 187 שילער. 53 אַדאָפּטירטע קינדער האָבען שוין פערענדיגט זייער פאַך.

אַנ'אינטערעסאַנטער פאַל איז לעצטענס פאָרגעקומען בײַ דער אַדאָפּטאַציע-אָפּטיילונג פון'ם „אָרט" אין אַמעריקע: אַלס אַדאָפּטאַנט האָבען זיך בײַ איהר געמעלדען... תלמידים פון אַ יודישער שול. דאָס קלעוולאַנד האָט דערקלערט, אַז זיי ווילען אַדאָפּטירען אַ קליינעם ברודער זייערן פון מזרח-אייראָפּא (פון רומעניען), וואָס לערנט זיך אין אַנ'„אָרט"-שול, און האָבען פאַראויס אײַנגעצאָהלט הונדערט דאָלאַר פאַר 2 יאָהר אַ פריהער.

שעדלעץ. — פאַראַכאַגען פרייטאָג פאַרנאַכט איז דער 74-יעהריגער דוד רינגעצקי אַרויס צום וואַרשעווער שאָסע זוכען אַ דראָשקע קיין אַבאָלע. אַ יונגער קריסט מיט אַ לעדיגער פוהר, אויף וועלכער מען פוהרט ציגעל, האָט רינגעצקי פאַרגעלייגט ער זאָל אויפזיצען, וויל ער פאָהרט אויך אַהין.

ווענדיג ווייט פון שאָסע האָט דער פוהרמאַן אָנגעהויבען האַסטיג טרייבען די פערד. ה' ד. רינגעצקי האָט געהאַט אַ פאָרגעפיהל, אַז דאָס איז עפּעס נישט גלאַטיג, האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען צום פוהרמאַן, ער זאָל זיך אָפּשטעלען. דער פוהרמאַן האָט זיך טאַקע אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבען פאָדערן בײַ רינגעצקי'ן געלד. רינגעצקי האָט אַרויסגעוויזען זיין גאַנצען קאַפּיטאַל, וואָס איז בעשטאַנען פון 4 זל. און אַוועקגעגעבען. דאַן האָט דער פוהרמאַן אַראָפּגעוואָרפען רינגעצקי'ן פון דער פוהר, שטאַרק צושלאָגען איהם און שנעל אַוועקגעפאָהרען.

רינגעצקי איז געבליבען ליגען אַ פערחלש'טער אויפ'ן פעלד.

גרויסע ראָמאַן-איבעראַשונג

פאַר די לעזער פון „לאָדזשער טאָגעבלאַט"!

א געהיימניספולער דאָקטאָר

האָט מיט זיינע געניאַלע פערברעכערישע טאַטען ערשט נישט לאַנג אויפגעטרייסעלט די מאַגנאַטישע קרייזען פון גאַנץ אייראָפּאַ.

זיין מערקווירדיג לעבען פול מיט געפאַהרען, שטוינענדע אינטריגעס זעלטענע שווינדלער, אונגעוועהנליכע אַוואַנטורעס און דרייסטע שאַנטאַזש-שטיק, וואָס קומען פאָר אין די הויפּט-שטעט פון מערב-אייראָפּאַ, איז געוואָרען פעראַרבייטעט אין אַנ'אָטעם-פערכאַפּענדען, סענסאַציאָנעלען, אין שפּאַנענדען ראָמאַן א. נ.

„דער געהיימניספולער דאָקטאָר".

דער דאָזיגער העכסט-אינטערעסאַנטער ראָמאַן הויבט זיך אָן צו דרוקען אין אונזער צייטונג דעם היינטיגען דינסטאָג.

עס איז אונמעגליך נישט צו ווערען מיטגעריסען, לייענדיג דעם

„געהיימניספולען דאָקטאָר".

עס איז אונמעגליך נישט בעוואונדערן די מייסטערהאַפט-פערברעכערישע קונץ-שטיק פון

„געהיימניספולען דאָקטאָר".

עס איז אונמעגליך נישט צו ווערען געשאָקט אויף דאָס העכסטע לייענדיג דעם

„געהיימניספולען דאָקטאָר".

עס איז אונמעגליך צו זיין גלייכגילטיג. ווען מען פאָלגט נאָך דאָס גייעג פון איינעם פון די גרעסטע קרימינאַליסטען, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר זיין ציל פון לעבען אונשעדליך צו מאַכען דעם

„געהיימניספולען דאָקטאָר".

!! אַלע וועלען היינטיגען דינסטאַג לייענען דעם „געהיימניספולען דאָקטאָר" אין „לאָדזשער טאָגעבלאַט" מיט גרויס אינטערעס!

אמיליאַן דאָלאַר

שפּאַנענדער ראָמאַן פון היינטיגער צייט

(53-טע פאָרטזעצונג)

— אַ צאַהן פאַר אַ צאַהן! — אָט האָט איהר די ערקלערונג, וואָס איהר האָט געפאָדערט. איהר האָט מיר צוגענומען מיין טייערסטען אוצר. דורך אייך, צוליב אייער שולד, בין איך אויף דער עלטער איבערגעבליבען אַליין. איינזאַם. איך האָב דורך אייך פערלוירען אַלץ, און דאָס איינציגע, וואָס איז מיר נאָך געבליבען, איז געווען דער דורשט נאָך נקמה. ווייטער גאָרנישט. מיט איהם האָב איך געלעבט. ווען עס וועט געשעהען דאָס, וואָס וועט געשעהען, וועט דאָס לעבען פערלירען פאַר מיר זיין גאַנצען ווערט און זיין גאַנצען זין. איהר האָט געקענט מיין גונא'ן, אָבער נישט אַזוי ווי איך האָב איהם געקענט. איך, זיין פאָטער! איהר זענט נישט דערמאָלט געווען אומשטאַנד אָפּצושאַצען, וואָס ער האָט בעדייט פאַר מיר, וואָס ער איז געווען פאַר מיר, ווי שטאָלץ איך בין געווען פון איהם, וויל אַנדערש וואָלט איהר איהם נישט געהאַט אַוועקגערויבט פון מיר! איהר האָט זיכער געוואוסט, אַז גונא גאָלאַז איז נישט געבוירען געוואָרען אין אייראָפּאַ. ער שטאַמט פון בראַזיליען, אַזוי ווי איך.

איידער איך וועל אָנהויבען דערצעהלען וועגען איהם, מוז איך דערמאָנען מיין אייגענע יוגענד. לאַנגע יאָהרען האָט מען מיך פעראַכט און פערשטויסען, וויל מיין פאָטער איז געווען אַנ'אַזוי-גערופענער ב ר אַ נ ק אַ, דאָס הייסט אַ מיטגליד פון שטאַם פון די איינגעבוירענע. ער האָט אָפּילו גענומען פאַר אַ ווייב אַ ווייסע פרוי, דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, מען זאָל מאַכען פון איהם אַ דינער און אַ שקלאַף. און אויך בין איך אויפגעוואַקסען און ערצויגען געוואָרען אַלס זוהן פון אַ שקלאַף. אין מיין פאָטערלאַנד האָט מען מיך בעהאַנדעלט ערגער ווי אַ הונד, מען האָט מיר געוואָרפען דערנער און נאָדלען אונטער די פיס. שנעל האָב איך זיך אָבער אויסגעלערנט זיין זעלבסטשטענדיג און אויסמײַדען מיינע פערפאָלגער.

דאָס לעבען איז פאַר מיר צעהן מאָל שווערער געווען, ווי פאַר די זוהן פון דער ווייסער ראַסע. איך, אַנ'אינדיאַנער פון אָפּשטאַמונג, אַנ'אייניקעל פון בערוהמטען בערג-שבט ק אַ ר ו ב, בין געווען פאַר זיי אַ פאַרכטעוואַטער הונד, פון וועלכען מען האָט זיך אָפּגעקעהרט מיט עקעל און פעראַכטונג. טראָץ דעם האָט זיך מיר אײַנגעגעבען צו געפינען אַ פעסטען גרונד אונטער די פיס. איך בין געווען אויסהאַלטעוודיג און האָב פון מיין ווילען געמאַכט אַנ'אונבויגזאַמע, אונבעזיגבאַרע קראַפט. איך האָב זיך אויסגעלערנט איבערצוטראַגען בעלייִדיגונגען, אָבער איך האָב אויך אויסגעלערנט זיי קיינמאָל נישט צו פערגעסען. ווען איך בין אַלט געווען זעכצעהן יאָהר, האָב איך פערמאָגט צוויי שטיק בהמות, און צו אַכצען יאָהר — אַ גאַנצע סטאַדע. איך האָב זיך נישט בעגנוגענט מיט בלויז פערקויפען בהמות. איך האָב געעפענט אַנ'אייגען שעכט-הויז. יעדעס יאָהר האָבען זיך פערגרעסערט מיינע פאַשע-לאַנקעס.

איך האָב געעפענט אויף מיינע פעלדער גאַרבערײַען און ווײַן-קעלערס. שפּעטער בין איך צוגעטרעטען בויען אַ קאָנסערווען-פאַבריק, וואָס איז גאָר שנעל געוואָרען די גרעסטע אין לאַנד. איך בין געווען דרײַסיג יאָהר אַלט ווען מיר איז געבוירען געוואָרען אַ זוהן. מיין איינציגער זוהן, גונא. בײַ זיין וויגעל האָב איך געשוואוירען מיט אַ הייליגער שבועה, אַז די וועלט מוז איהם בעצאָהלען פאַר דעם, וואָס מען האָט מיך געמאַטערט און בעלייִדיגט. איך האָב איהם ערצויגען, ווי אַ פירשטליך קינד. מיין גאַנצע גרויסע ליבע האָב איך אַוועקגעגעבען איהם, וויל זיין מוטער איז געשטאָרבען בײַ זיין געבורט. כאָטש איך האָב אָפּילו נישט געקלערט, צי איך זאָל זיך צושיידען מיט איהם, האָב איך איהם אַוועקגעשיקט אין אַ שולע אין ענגלאַנד. איך האָב איהם בעזוכט, ווען ער האָט זיך געפינען אין אָקספאָרדער אוניווערזיטעט. גאַנצע צעהן חדשים אין יאָהר האָב איך געאַרבייט אין דער היים, ווי אַ נעגער. פון דער פריה ביז אין דער נאַכט, טראַכטענדיג בלויז וועגען די עטליכע וואָכען מיט מיין זוהן: ער האָט מיר שטענדיג פערשאַפט פרייד, ער איז געווען דער שטאָלץ בײַ זיינע לעהרער. ער האָט מיט דער גרעסטער לײַכטקייט אדורכגעמאַכט אַלע עקזאַמענס. אַלט זעכצענדיג אין און צוואַנציג יאָהר, האָט ער בעקומען אַ דאָקטאָר-דיפּלאָם.

אַלס יונגער דאָקטאָר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער גלענצענדער שפּיטאַל-פּראַקטיק, און איז אַוועקגעפאָהרען קיין באָמבײַ. וואו ער האָט די דריי יאָהר, וואָס ער האָט זיך דאָרט געפינען, געמאַכט פיל וויכטיגע ערפינדונגען און אַרבייטען. אין פערלויף פון די דאָזיגע דרײַ יאָהר האָב איך איהם נישט געזעהען איין מאָל. ער האָט מיר שטענדיג צוגעשיקט אויסשניטען פון צייטונגען, וואו מען האָט געלויבט ביז אין הימעל אַרײַן זיינע ערפינדונגען און אַרבייטען אויף'ן וויסענשאַפטליכען געביט. קוים האָט ער זיך צוריקגעקעהרט פון אינדיען, איז ער גלייך אַרום גערופען געוואָרען קיין פּאַריז, וואו ער האָט געזאָלט אַרבייטען אין דער סאָרבאָנע. און באַלד דערנאָך האָט איהר זיך געשטעלט אויף זיין וועג. זיין שטערן איז דעמאָלט וואונדערליך אויפגעגאַנגען. אַז ער וואָלט נאָך אַ ביסעל לענגער געלעבט, וואָלט ער זיכער בעקומען אַ פּראָפעסאָר-קאַטעדרע.

איך האָב איהם שטענדיג געגעבען אין זיין רשות מיינע מיליאָנען. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געוואָלט נעמען פון זיי. ענדליך האָט ער מסכים געווען, אַז איך זאָל פאַר איהם אויפבויען אַנ'אָבסערוואַטאָריום-סטאַציע, וואָס איז איהם נייטיג געווען פאַר זיינע וויסענשאַפטליכע אַרבייטען. אַלץ איז גרייט געווען אָנצוהויבען בויען. איינער פון די גרעסטע אייראָפּעאישע אַרכיטעקטען האָט אויסגעאַרבייט דעם פּלאַן. און דערמאָלט, ווען איך האָב געמיינט, אַז מיינע דרייסטע חלומות וועלען פערווירקליכט ווערען אין משך פון אַ פּאָר חדשים, — האָט איהר אָהן דערבאַרמונג אַוועקגעריסען פון מיר די האָפענונג און אייך געמאַכט מיך פאַר דעם עלענדסטען פון די מענשען. צוליב אַ נאַרישער, נידריגער, געוועהנליכער אַוואַנטורעסין האָט געמוזט אַוועקגעהן פון דער וועלט איינער פון די ווערטפולסטע מענשען. דערפאַר, וויל איהר האָט זיך פערליבט אין איהר, און מיין זוהן האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַנ'אונווערדיגען געגנער, האָט איהר איהם געצוואונגען איינצוגעהן אויף אַ דועל און מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיגקייט האָט איהר איהם אומגעבראַכט....

ממאַז האָט איבערגעריסען זיין ערצעהלונג. מען האָט געקאָנט זעהען, ווי ער וויל בעהערשען זיין אויפרעגונג. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווייטער גענומען דערצעהלען:

(ענדע פאָלגט)

קינא
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26

היינט און טעגליך! ◄══► אַ דאפעלטער פראגראם!

1) „די ליבע פון אַ בעדואינער"

— אַ וועלטען שפאנענדער אינהאלט, די פראכט פון האַרעם, דער דועל אין דער מדבר. — הויפט-ראָל: **Barry Northon** — דער שענסטער מאנספיל פון דער וועלט —

2) ווי זעהט אויס דער מאראל פון די מיליאנערען
זשאן גאינאר זוכט אַ פאסטען

— אין דער הויפט-ראָל: **זשאן גאינאר** בעקאנט פון די פילמ'ס „דער זיבעטער הימעל" און „דער מלאך פון דער גאס"

דער נאָהענטסטער פראגראם:
● קייטען ●
— דער זאל איז גוט ווענטילירט. —

זומער-טעאטער (פריהער „גאנג") צעגעלניאנא 16

היינט די פייערליכע ערעפנונג!
— פון — **„Hollywood"** — אין — גארטן
קינא-טעאטער

„פון אַ קאוואליר'ס טאג-בוך"

אַ פיקאנטע קאמעדיע, וואס פער'שכור'ט מיט שאמפאן—הומאר און אונפערגלייכליכען טעמפעראמענט.
הויפט-ראָלען די בערימטע קאמעדיע-ארטיסטען: Grita Haid, Jwa Wanja, i Reinhold Schnenzel

— אין — 10 אקטען
אויספערן פראגראם: אַ פארם:

אנהויב 7 אוונט, דער זאל איז פערזיכערט אין פאל פון אַנ'אונגינסטיג וועטער.

דאס רעכטס-קאנסולטענט-ביורא
פון געוועזענעם לאנג-יעהריגען רוטינירטען
גערייכטס-סעקרעטאר
ב. מאן, פיעטריקאווער 10.

ערלעדיגט און שרייבט אלערליי ביטעס און קלאגעס קלויזולעס און זאבעזיפיעטשעניעס אין אלע שטעט פון פוילען, ווי אויך שטעטער-אנגעלעגענהייטען.
א גוטער ספעציאליסט אין מיליטער-ענינים.

B. Mann, Piotrkowska 10

אַ זעלכעס איז נאך נישט געווען!
נאר וואס איז ארויס פון דרוק א העכסט-אינטערעסאנט ספר פון יודישן פאלקלאר-אוצר א. נ.
„לעקסיקאן פון יודישע חכמות"
פון הרב ישעיה זלאטניק.

דער לעקסיקאן ענטהאלט די געקליבענע דבורים, גלייכווערטלעך, אנעקדאטען און איינפאלען, פון די גרעסטע חכמי ישראל אין דער לעצטער צייט, וועלכע זענען נאך אין ערגיץ נישט פערעפענטליכט געווארען. אנ'אפת'ען גייסטיגען פערגעניגען קאן יעדער יוד געפינען אין די חכמות, וועלכע שפרודלען מיט'ן עכטען יודישען הומאר און וויץ, וואס זענען אזוי איינגענארטיג און אריגינעל אין דער וועלט-פאלקלאר-ליטעראטור. דאס ספר פאר'ן פרייז 3 זל.
איז צו בעקומען ביים מחבר:
Rabin Sz. Złotnik, Radom.
נעגען נאכנאהמע ווערט נישט געשיקט.

ווארשא—פאזנאן, ווארשא—ביאליסטאק, ווארשא—לאמזשא, ווארשא-קיעלץ, לאדז—קאליש, ביאליסטאק—באראנאוויטש, גראדנא — גדיניא, ווילנא — איישישקי, לעמבערג — גרודעק יאגיעלאנסקי.
דאס איז בלויז א טייל פון די אויטאמאביל-ליניעס, וואו עס קורסירען
כסדר רעגולער און פינקטליך

BROCKWAY אויטאבוסען
און האבען זיך ערווארבען סימפאטיע און צוטרוי פון די פאסאזשירען.
„MOTOR TRADERS", Warszawa, Ogród Saski.
przy Pl. Żelaznej Bramy 2, tel, 137-13.

Duży sklep — z — **wystawą**
nadający się na każden interes w najlepszym punkcie przy Piotrkowskiej może być z dużą piwnicę z elektrycznem oświetleniem. Tamże: **2 pokoje z kuchnią** duże słoneczne korytarz kąpielowy wygody. do oddania razem lub oddzielnie. Oferty do Redakcji sub.: „Centrum" 3325

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר ווענערישע הויט-קראנקהייטען און מענער-שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אוראלאגישע און נערווען-קראנקהייטען.
די רענטגען-עלעקטרישער הייל-קאבינעט-קאסמעטיק
טעטיג פון 8 א זייגער ביז 9 אוונט
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג
בעזונדער ווארטע צימער פאר פרויען
הייזים 3 זלאטעס

! פענסיאנאט „WYGODA" !
צוליב דער שווערער צייט זענען די פרייזען ערמעסיגט
וויכטיג פאר אורלויב-פאהרער!
ווילט איהר אייער אורלויב גוט פערברענגען?
פאהרט אויף אפרוה נאר אין בעוואוסטען
פענסיאנאט „WYGODA"
St. GŁOWNO, Polenice. Wila Misiaka obok Nowego Otwocka w lesie
גרויסע זוניגע צימערן, כשר'ע, היגיענישע קיך, שעהנע געגענד.
קאנקורענץ-פרייזען—30% בילליגער ווי איבעראל;
בעמערקונג: בעטגעוואנד איז נויטיג מיטצוברענגען.
צו ווענדען זיך דירעקט צו פרוי אפעל אין פענסיאנאט „וויגאדא"
פאר יונגעריכע און ערוואקסענע —

LOKAL w najlepszym punkcie miasta, składający się z 20 pokoi, 31 okien, nadający się: na instytucję bankową, większe składy, poważniejsze biuro handlowe, ew. na lecznicę **zaraz do wynajęcia.** Oferty sub. „Lokal w centrum" do biura ogł. S. FUCHSA, Łódź. Piotrkowska 50.

אַ יונגערמאַן
אין אַ געשעפט אריין ווערט געזוכט ביי גרינוואלד, קארב-געשעפט פיעטריקאווער 286.

פערשידענע
וואוינונגען
מיט אלע בעקוועמליכקייטען פון זאפארט אי-בערצוגעבען. אנשטאדטס, 5 (ביי העלענאף) צו ערפאהרען אויפ'ן ארט. 4883

מעלדעט צו נייהען סוויטערס
ווערען געברויכט. פלאס. זאכאדניא 42.

אַ ציהרונג
אין יעדען יודישען הויז
שוין ערשינען
די פאטאגראפיעס פון פאלגענדע צדיקים זי"ע
1) ת' הרה"ק רשב"הג דער מעזריטשער מגיד זצללה"ה
2) ת' הרה"ק המפורסם וכ' הרבי ר"ר בונם זצללה"ה
3) ת' הרה"ק המפורסם דער ראפשיצער רבי זצללה"ה
4) ת' הרה"ק המפורסם בעל תפארת שמואל דער אלעקסאנדער רבי זצללה"ה
5) ת' הרה"ק המפורסם דר אסטראווצער רבי זצללה"ה
6) ת' הרה"ק המפורסם דער ראדזינער רבי זצללה"ה
געדריקט אויפ'ן פיינסטען „בריסטאל" פאפיר וואנד פארמאט אין 2 פארבען.
פרייז פון יעדען עקזעמפלאר 50 גר.
מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען אין ספרים סקלאד
יהושע שאפירא פאלנאצנא 6.
עס ווערט אויך געשיקט אויף פאסט נאכ'ן דערהאלטען דעם בעטראג.
בעם: מיר בעטען די קרובים וואס בעזיצען פאטאגראפיעס פון גאונים צדיקים אונז צו צושיקען צו די 2-טע סעריע ת' כלית וואס האלטען אין קורצען ביים פערענדיגט ווערען.

Miejski Kinematograf Oświatowy
Wodny Rynek, Tel. 18-26.
Od 30. lipca do 5 sierpnia 1929
Dla dorosłych:
CIERNISTA DROGA Księżny Woroncow
W rolach głównych;
Zuzanna Belmas, Grzegorz Chmara i Wł. Gajdarov
Dla młodzieży:
dramat sportowy w 12 aktach.
ZELAZNY CZŁOWIEK
(Zakończenie)

Poszukiwana
Pierwszorzędna siła **wychowawcza** do trojga dzieci z językiem hebrajskim
Wiadomość: Dr. W. Spektor, Łódź Piotrkowska 107 tel. 36-10.

Pokój umeblowany słoneczny — wszelkiemi wygodamy telefonem do wynajęcia jednej osobie. Wschodnia 36 mieszk. 13.

Dr. med. M. Heller
ספעציאליסט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען מענער-שוואכע
נאראט. 2, טעל. 79-89
נעמט אן פון 8—4 אווענד, פאר פרויען פון 10 פריה, און פון 5—4 נאכמ. פאר אונבעמיטעלטע לעכטשוניצע פרייזען.

Dr. med.e G. GERSZTAJN
ספעציאל ארצט פאר אויגען קראנקהייטען.
Trauguta 12 Tel. (1) 75-10.
צוריקגעקעהרט
נעמט אן פון 11 ביז 1 נ"מ און פון 7 ביז 8 אוונט

Dr. Niewiażski
האט זיך איבערגעצויגען
אויף אנדזשעיא 5, טעל. 59-40
נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 5—9 אוונט.
ספעציאל-ארצט פאר סיפיליס, טריפער און מענער שוואכע בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
פאר דאמען ספעציעלער ווארטע-זאל.

Dr. med. A. Mazur
ספעציעל-ארצט פאר אויערן, נאז און האלז-קראנק ווי אויך שטום און שפראך-פעהלער
וואסכאדניא 65
אייננאנג אויך דורך פיעטריס. 46 טעל. 66-01

Dr. med. A. Uryson
אינערליכע קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
קאנסטאנטינער 20 טעל. 35-85. נעמט אן פון 3-5 נאכ.

Dr. med. J. LUBICZ
ORTOPEDA
גדאנסקא 28, טעל. 41-46
ספעציאליסט פון ביינער און געלענק-קראנקהייטען
:—: פערקרימונגען פון פלייצעס און גלידער. :—:
איינגענע פר צאוניע
פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען: ווי ווקלאדקעס נעגען פלאטפוס, קינסטליכע פיס, ארטאפעדישע גארסעטען א. ז. וו. נעמט אן פון 5—7

Dr. med. H. Różaner
ספעציאליסט פון הויט- און וועגערישע קראנקהייטען און קינדערלאזיגקייט
נארוטאוויטשא 9, טע. 28-98
נעמט אן פון 8 ביז 10 פריה און פון 5 ביז 8 אוו.
פאר פרויע ספעציעלער ווארטע-צימער

Dr. med. IGNACY GRYNBERG
אינערליכע קראנקהייטען
(ספעציאליסט פאר הארץ-קראנקהייטען)
נעמט אן טעגליך פון 6—7 נאכמיטאג
צעגעלניאנא 53, טעל. 74-15
צוריקגעקעהרט

Dr. med. A. Kacenelson
ספעציאל-ארצט פאר נערווען-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט.
Nowo-Cegielniana 12, tel. 64-19
נעמט אן פון 3 ביז 5 נאכמ.

Dr. Wołkowyski
צוריקגעקעהרט
צעגיעלניאנא 25
טעלעפאן 26-87
ספעציאל-ארצט פאר הויט וועגערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע, אלע-ארט אנאליזען בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
נעמט אן פון 8—2, און פון 6—9 אוונט.
בעזונדער ווארטע-זאל פאר פרויען.

כל הקודם זכה!
ס'איז דא א פלאץ פאר עטליכע טיכטיגע פערזאנען, זיך צו ערלערנען דאס סוויטער-פאך „גלאט און פ' ד' ארבייט" טעארעטיש און פראקטיש גרינדליך, אויף גינסטיגע בעדינגונגען, ווייטערדיגע ארבייט פערזיכערט! צו אינפארמירען אין רעד. פון „לאדזשער טאגעבלאט" 844

ערגאנצטע
שייטלען
(אַ לאַ גארסאן) ווי אויך צו פריזירען נעמט אן די לאנג-יעהריגע פריזירערקע פרוי גארנעצקא, מאניסטראצקא 1.
אלע ארט בעשטעלונגען, וואס געהט אריין אין נעפיט פון פריזירעריי ווערען פראמפט און פינקטליך אויסגעפירט. מעסיגע פרייזען.

זומער-וואוינונג
2 איינצעלע צימער צו פערמיטען אין אנדזשעיע צו ערפארען אין די ביר-שענק אלעקסאנדער ראט

פוילישע שפראך
ווערט ערלערנט גרינדליך דורך אַ קורצער צייט
וסכאדניא 29, וו. 3.

איוגען-ארצט
דר. שורליג
צוריקגעקעהרט
נעמט אן פון 4-6 און 1 — 11
Zawadzka 6, tel 35-01

כי ימצא בקרבך איש או אשה אשר ילך:
וואס קלערען צו געהן אין אנ'אנדערע ביורא
ודרשת היטב והנה אמת נכון הדבר, והגד להם
זאלסטו זיי זאגען
אז נור אין ביורא ביים י. מאנעלא
רעכטסקאנסולענט
17 פיעטריקאוער 17
52 זאכאדניא 52
טעלעפאן 48-79.
ווערט געוויסענהאפט ערלעדיגט און געשריבען אלע סאנדאווע זאכען, ביטעס, קלאזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, קארנע און ציוויל אפעלאציעס, אדוואלאניעס, אונטערציזיעס, ספעציאליסט פון שותפות-אמטען, אי-בערזעצונגען אין אלע שפראכען
מיט אכטונג
י. מאנעלא פיעטריקאווער 17
דורכגאנג זאכאדניא 52

אין פאראמעריקע „לאדזשער טאגעבלאט"
בעקומט מען עגליך דאס
אין דער זשורנאל-קיאסק
ביים טראמווי-פאסטאנאוויק.

אנאנסירט נאר אין „לאדזשער טאגעבלאט"

אבאנעמענטס-פרייז: שעור א חודש אין פוילען 6 זל., אין פראנקרייך און בעלגיען—20 פראנק, אין ענגלאנד לענדער—1,25 דאלאר.
אנאנסען-פרייז: פאר א מיליםעטער-שורה פארן טעקסט 10 גראשען, פרעמיע 24. אין טעקסט 40 גר., פרעמיע 60 גר., נעבען 12 גר., פרעמיע 18 גר. פאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער. אויסער דער שאבאש—מיט 60% טייערער. פון די פרייזען ווערט נישט ערמעסיגט קיין ראבאט.

Redaktor-wydawca E. Hamburski

Tłocznia: E. i M. Hamburskich w Łodzi Piotrkowska 18.